STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01317

VEGN DER YIDN-FRAGE UN TSIENIZM BAYM HAYNTIKN TOG

Permanent preservation of this book was made possible
by William Lockeretz & Sarah Wernick

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וועגן דער יידן־פראגע
און ציוניזם
ביים היינטיקן טאג

דאָקומענט באַשטעטיקט דורכן 16־טן צוזאַמענפאָר
פון דער ישראלדיקער קאָמוניסטישער פאַרטיי
30.1 — 1.2.1969

אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ישראלדיקער
קאָמוניסטישער פאַרטיי (רק״ח)

תל־אביב — סעפטעמבער 1973

ON THE JEWISH QUESTION AND ZIONISM AT THE PRESENT TIME

Documents approved by the 16th Congress (30.1—1.2.1969) and the 17th Congress (21—23.6.1972) of the Communist Party of Israel

Published by the Central Commitee of the Communist Party of Israel (RAKAKH)

Tel Aviv September 1973

אריינפיר

דער 16־טער צוזאַמענפאָר פון דער ישראלדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי (1969) און דער 17־טער צוזאַמענפאָר (1972) האָבן אָפּגעגעבן פיל אויפמערקזאַמקייט אידעאָלאָגישע פּראָבלעמען און ספּעציעל דעם קאַמף קעגן דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע. דער דאָזיקער קאַמף באַקומט אַלץ מער און מער וויכטיקייט, אין אָנבליק פון דעם גרויסן אָנטייל פון די ציוניסטישע אידעאָלאָגן און פּאָליטיקער אין אַלגעמיינעם קאַמף פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעאַקציע קעגן קאָמוניזם און דער נאַציאָנאַל באַפרייערישער באַוועגונג און ספּעציעל קעגן ראַטנפאַרבאַנד.

דעריבער זעען מיר פאַר זייער וויכטיק, אין די אינטערעסן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, פון ישראל־פאָלק און פון דעם אַלגעמיינעם קאַמף פאַר שלום, נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט, דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם, צו אַנאַליזירן גרינטלעך די יידן־פראַגע און ציוניזםביים היינטיקן טאָג.

מיר האָפן אַז די דאָקומענטן פון 16־טן און 17־טן צוזאַמענפאָרן פון דער ישראלדיקער קאָמ. פּאַרטיי, וועלן ביישטייערן צו אויפקלערן דעם אמתן אידעאָלאָגישן און פּאָליטישן תוך פון ציוניזם. די בראָשור אונדזערע אַנאַליזירט די פּראָבלעמען אין גייסט פון מאַרקסיזם־לעניניזם, וועלכער האָט באַוויזן זיין ריכטיקייט פון וויסנשאַפטלעכן און היסטאָרישן שטאַנדפּונקט.

פאָרוואָרט

דער אידעאָלאָגישער גאַנגל ביים היינטיקן טאָג איז ביז גאָר ווייכטיק. מיט דער פאַרשאַרפונג פון קאַמף צווישן דעם קאַפּיטאַליזם און דעם סאָציאַליזם, האָט זיך אויך גאָר שטאַרק פאַרשאַרפט דער קאַמף צווישן די צוויי קלאַסן־אידעאָלאָגיעס.

אין ישראל פירט זיך אַ קאַמף צווישן דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער אידעאָלאָגיע פון אַרבעטער־קלאַס און דער ציוניסטישער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע. דער דאָזיקער אידעאָלאָגיש־פּאָליטישער קלאַסנקאַמף פירט זיך אויך אין די יידישע ישובים אין אויסלאַנד.

די הערשנדיקע אידעאָלאָגיע אין ישראל איז די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע. אינסטרואירט דורך דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע, פירן די הערשנדיקע קרייזן אין ישראל אַ פּאָליטיק, וואָס איז קעגנזעצלעך צו די ריכטיקע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון ישראל־פאָלק, אַ פּאָליטיק, וואָס בינדט צו מדינת ישראל צו די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן אין זייער קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער אַנטי־אימפּעריאַליסטישער אַראַבישער באַוועגונג, קעגן ראַטנפאַרבאַנד, קעגן דער אינטערנאַציאָ־נאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג און קעגן אַלע כוחות פון סאָציאַליזם, פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און פון געזעלשאַפטלעכן פּראָגרעס אין דער גאָרער וועלט.

מען טאָר נישט צונויפמישן דעם ציוניזם מיטן פאָלק פון ישראל אָדער מיטן יידישן פאָלק.

די קאָמוניסטן זיינען תמיד געווען און זיינען פאַרבליבן די אַמ־מייסטן געטרייע און קאָנסעקווענטע קעמפער פאַר דער גלייכבאַרעכטי־קונג פון די יידן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אין וועלכע ס׳עק־זיסטירט נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע. די קאָמוניסטן זיינען תמיד געווען און זיינען ווייטער די ביז גאָר קאָנסעקווענטע קעמפער קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם און קעגן יעדער נאַציאָנאַלער און ראַסן־דיסקרי־מינאַציע.

די ישראלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז די איבערגעגעבנסטע פאַרטיידיקערין פון די אינטערעסן פון די ישראלדיקע אַרבעטנדיקע מאַסן, פון די אמתדיקע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון ישראל־פאָלק. דער נצחון פונעם וועג פון אונדזער פּאַרטיי וועט ברענגען דעם פאָלק פון ישראל אַ לעבן פון זיכערקייט, שלום, צעבליאונג און גליק.

די הערשנדע פּאָליטיק, וואָס איז באַזירט אויף דער ציוניס־טישער אידעאָלאָגיע, פּאַרמיידט דאָס אַלץ פון פאָלק אין ישראל און שטעלט אין געפאַר די צוקונפט פון מדינת ישראל. **דער ציוניזם פאַר־שאַפט גרויס שאָדן די יידישע ישובים אומעטום אין דער גאָרער וועלט און דער אַלגעמיינער זאַך פון פראָגרעס און סאָציאַליזם. איז דעריבער פון ספּעציעלער וויכטיקייט ביים היינטיקן טאָג צו פאַרשטאַרקן דעם אידעאָלאָגישן קאַמף קעגן דעם ציוניזם.**

דעם אימפּעריאַליזם אינטערעסירט נישט בכלל דער גורל פון ישראל־פאָלק, דער גורל פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, גענוי ווי עס אינטערעסירט אים נישט דער גורל פון וועלכן נישט איז אַנדערן פאָלק. ער וועט זיי צו יעדער צייט מפקיר זיין, אויב דאָס וועט נאָר פאָדערן זיין עגאָאיסטישער אינטערעס — דער אינטערעס פון די מיליאַרדערן און מאָנאָפּאָליסטן.

דער קאַמף קעגן דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע און איר פּאָליטיק שטעלט מיט זיך פאָר אַן אינטעגראַלן טייל פון דעם אַלגעמיינעם קאַמף קעגן דער אידעאָלאָגישער רודערונג פון די קעגנער פון סאָציאַליזם און פראָגרעס. דאָס איז אַ נאַציאָנאַלער ישראלדיקער אינטערעס, אַ יידישער אינטערעס און אַ רעוואָלוציאָנעריש־אַלגעמיינער אינטערעס צוגלייך.

אין ליכט פון די נייע היסטאָרישע אַנטוויקלונגען דאַרף מען אויספּרווון ווי אַזוי האָבן די גרונט־טעזן פונעם מאַרקסיזם־לעניניזם אין דער יידן־פראַגע און אין דער פראַגע פון ציוניזם — אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון דער תקופה.

די נייע היסטאָרישע אַנטוויקלונגען זיינען:

1) די דערפאַרונג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און ספּעציעל דער פאַקט פון פאַרטיליקן זעקס מיליאָן יידן דורך די דייטשישע נאַציס, פון איין זייט, און דער פאַקט פון אָפּראַטעווען גרויסע יידישע מאַסן דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי און דורך די סאָוויעטישע פעלקער, וועלכע האָבן אויסגעפּילט אַ דעצידירנדיקע אויפגאַבע ביים פאַרניכטן היטלער־דייטשלאַנד — פון דער צווייטער זייט.

2) די פאַרמירונג פון אַ וועלט סאָציאַליסטישן סיסטעם און די פאַרפעסטיקונג פון דער קראַפט פון ראַטנפאַרבאַנד, דער וווקס און פארשטארקונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון דער קאָמוניס־טישער באַוועגונג אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, דער אויפשטייג פון דער באַוועגונג פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און דער קראַך פון קאָלאָניאַלן סיסטעם פון אימפּעריאַליזם — די ענדערונג אין אַלוועלט־לעכן כוחות־בילאַנס לטובת די כוחות פון שלום, פון דעמאָקראַטיע, פון נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט און סאָציאַליזם.

3) דער אויפקום פון מדינת ישראל.

וואָס איז אַזוינס די יידן־פראַגע ?

יידן לעבן אין פאַרשיידענע לענדער ביי פאַרשיידענע באַדינגונגען און רעזשימען. איז דעריבער אוממעגלעך צו רעדן וועגן דער „יידן־פראַגע" אַלס אַן אַלוועלטלעכע פראַגע, וואָס עקזיסטירט אין אַלע לענדער פון דער גאַרער וועלט, ביים קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם צוגלייך.

ווען מיר רעדן וועגן דער יידן־פראַגע, זיינען מיר אויסן די פראַגע פון דיסקרימינאַציע, פאַרפאָלגונג און אַפילו פאַרטיליקונג (ספּעציעל בעת דער נאַצי־הערשאַפט) פון יידן ווייל זיי זיינען יידן. דאָס פּראָבלעם פון לייזן די יידן־פראַגע איז דעריבער אַ פּראָבלעם פון באַפרייען די יידישע מאַסן פון דער פּלאָג פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס דערשיינט אין פאַרשיידענע פאָרמען אין דער געזעלשאַפט פון קלאַסן־עקספּלאָאַטאַציע. די פראַגע איז ווי אַזוי אויסצורייסן מיטן וואָרצל די פּלאָג פון אַנטיסעמיטיזם, ווי אַזוי צו פאַרזיכערן פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג.

די מאַרקסיסטן זעען אין אַנטיסעמיטיזם איינע פון די פאָרמען פון דיסקרי־מינאַציע, פון נאַציאָנאַלער און ראַסן־אונטערדריקונג. די אַלגעמיינע סיבות פון אַנטיסעמיטיזם זיינען די זעלבע סיבות, וואָס ברענגען אויך דיסקרימינאַציע און אונטערדריקונג פון אַנדערע פעלקער.

די מאַרקסיסטן זעען אין דער ראַסן־טעאָריע, אַריינגערעכנט דעם אַנטיסע־מיטיזם, אַ רעאַקציאָנער מיטל, מיט וועלכן עס באַנוצן זיך די עקספּלאָאַטירנדיקע רעגירנדיקע קלאַסן ספּעציעל אין דער תקופה פון אויפשטייג פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן דעם רעזשים — כדי אָפּצוווענדן די אויפמערקזאַמקייט און דעם צאָרן פון זיך זעלבסט אין דער ריכטונג פון אַן איינגעבילדעטן פיינט, אַ כפרה־הינדל, די יידן, די נעגערס אָדער מענטשן פון אַנדערע פעלקער.

אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן ענדע מערץ 1919, האָט וו. אי. לענין ביז גאָר קלאָר און דייטלעך דעפינירט די קלאַסן־וואָרצלען און די קלאַסן־צילן פון דעם אַנטיסעמיטיזם:

„דאָס פאַרשפּרייטן פיינטשאַפט צו יידן הייסט אַנטיסעמיטיזם. ווען די פאַרשאָלטענע צאַרישע מאָנאַרכיע האָט שוין געהאַלטן ביי די לעצטע טעג פון איר עקזיסטענץ, האָט זי זיך באַמיט אויפצוהעצן קעגן די יידן די נישט־אויפגע־קלערטע אַרבעטער און פּויערים. די צאַרישע פּאָליציי אין בונד מיט די גוט־באַזיצער און קאַפּיטאַליסטן האָט אָרגאַניזירט פּאָגראָמען אויף יידן. די גוט־באַזיצער און די קאַפּיטאַליסטן האָבן זיך באַמיט צו ווענדן קעגן די יידן די פיינטשאַפט פון די אַרבעטער און פּויערים, וועלכע וועלקן אין זייער אָרעמקייט. אויך אין אַנדערע לענדער האָבן מיר, נישט איין מאָל, די מעגלעכקייט צו

אָבסערווירן, אַז די קאַפּיטאַליסטן בלאָזן־פונאַנדער פֿיינטשאַפט צו יידן, כדי צו שיטן זאַמד אין די אויגן פֿון די אַרבעטער, כדי אָפּצווענדן זייער אויפמערקזאַמקייט פֿון דעם ריכטיקן פֿיינט פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן — פֿונעם קאַפּיטאַל״. (וו. אי. לענין „פֿולע אויסגאַבע״, באַנד 38, זייט 242 — רוסיש).

דער קאַמף קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם איז אַ געמיינזאַמער אינטערעס פֿון די יידן און די פֿאַרשיידענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אין וועלכע ער עקזיסטירט. צוגלייך אָבער מיט דעם, איז דער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם נישט בלויז אַ יידישער אינטערעס. דאָס איז די זאַך פֿון אַלע דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע כוחות, אַן אינטעגראַלער טייל פֿון אַלגעמיינעם קאַמף קעגן ראַסיזם און נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע, פֿאַר דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם.

די קאָמוניסטן אין אַלע לענדער האַלטן פֿאַר גאָר וויכטיק די אויפֿגאַבע פֿון דערציען די מאַסן אין גייסט פֿון ברידערלעכקייט און פֿריינטשאַפֿט צווישן די פֿעלקער, קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם, קעגן דעם ראַסיזם. אין אַלע זיינע פֿאָרמען, כדי צו פֿאַרזיכערן די איינִיקייט פֿון אַרבעטער־קלאַס, כדי פֿאַרויסצושטויסן די זאַך פֿון דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם. די קאָמוניסטן שטייען בראש פֿון קאַמף קעגן דעם ווידערגעבורט פֿון נאַציזם אין מערב־דייטשלאַנד, קעגן די פֿאַרשיידענע ראַסיסטישע און אַנטיסעמיטישע באַוועגונגען.

די יידן־פֿראַגע, די פֿראַגע פֿון דיסקרימינירן און פֿאַרפֿאָלגן די יידן בלויז צוליב דעם וואָס זיי זיינען יידן — עקזיסטירט נישט אונטער אַ סאָציאַליסטישן רעזשים. אין ראַטנפֿאַרבאַנד און אין אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער איז ליקווידירט געוואָרן די סאָציאַלע באַזע פֿון דער דערשיינונג פֿון אַנטיסעמיטיזם, ווייל עס זיינען ליקווידירט געוואָרן די עקספּלאָאַטירנדיקע קלאַסן, ווייל עס איז ליקווידירט געוואָרן די אונטערדריקונג פֿון נאַציעס און נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אין די סאָציאַליסטישע לענדער ווערט פֿאַרגעזעצט דער קאַמף קעגן די איבערגעבליבענע רעשטלעך פֿון פֿאַראורטיילן אין די באַציאונגען צווישן פֿעלקער.

אין ראַטנפֿאַרבאַנד און אין אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער איז דער אַנטיסעמיטיזם דערקלערט געוואָרן אויסערן געזעץ. יעדע פּראָפּאַגאַנדע און יעדע האַנדלונג, וואָס טראָגן אַן אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער — זיינען שטרענג פֿאַרבאָטן. דער ערשטער דאָקומענט, וואָס דערקלערט דעם אַנטיסעמיטיזם פֿאַר אומגעזעצלעך, דאָס איז דער דעקרעט פֿון דעם סאָוויעטישן ראַט פֿון די פֿאָלקס־קאָמיסאַרן וועגן אויסרייסן מיטן וואָרצל די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג, וועלכער איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן דעם 27סטן יוני 1918, מיט דער אונטערשריפֿט פֿון וו. אוליאַנאָוו (לענין). דער דעקרעט שטעלט פֿעסט:

„דער ראַט פֿון די פֿאָלקס־קאָמיסאַרן פֿאַראָרדנט אַלע ראַטן פֿון די אַרבעטער־דעפּוטאַטן אַנצונעמען קאַטעגאָרישע מיטלען, כדי אויסצורייסן מיטן וואָרצל די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג. די פּאָגראָמשטשיקעס און די העצער צו פּאָגראָמען דאַרף מען אַוועקשטעלן אויסערן געזעץ״.

דער דאָזיקער דעקרעט האָט געדינט און דינט ווייטער אַלס ריכט־ליניע פֿון דער סאָוויעטישער פּאָליטיק אין דער פֿראַגע פֿון אַנטיסעמיטיזם.

די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע

די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע איז באַזירט אויף אַ בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישן צוגאַנג צו דער יידן־פראַגע. אין קעגנזאַץ צום מאַרקסיזם־לעניניזם, וואָס איז באַזירט אויפן קלאַסן־פּראָלעטאַרישן צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, שטעלט דער ציוניזם פאָר די פּראָבלעמען פון די יידן אַלס איבער־קלאַסנאַרטיקע פּראָבלע־מען, וועלכע דרינגען, כלומרשט, אַרויס אויף אַן אומפאַרמיידלעכן אופן פון דעם עצם פאַקט, וואָס די יידן געפינען זיך צווישן אַנדערע פעלקער.

די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע האָט זיך פאָרמירט אין אַ תקופה, אין וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פוילונגס־פּראָצעס פונעם קאַפּיטאַליזם, אין וועלכער דער קאַפּיטאַליזם איז אַריין אין זיין אימפּעריאַליסטישער פאַזע, און אין וועלכער עס האָט גענומען שטייגן דער אַנטיסעמיטיזם.

די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע האַלט, אַז די סיבה פון אַנטיסעמיטיזם איז סתם יידן־פיינטשאַפט, אָן שום פאַרבינדונג מיטן עקזיסטירנדן געזעלשאַפטלעכן רעזשים, אָן שום פאַרבינדונג מיט די סאָציאַלע, פּאָליטישע און קלאַסן־קאַמפן, וואָס קומען פאָר אין דער געזעלשאַפט.

„די פעלקער, צווישן וועלכע עס וווינען די יידן, זיינען אַלע ווי איינער, געהיים אָדער עפנטלעך, אַנטיסעמיטן" — האָט געזאָגט דער גרינדער פון דער פּאָליטישער באַוועגונג פון ציוניזם, טעאָדאָר הערצל („מדינת היהודים", פאַרלאַג „מזרח", ז' 21).

לויט דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע איז, אַלזאָ, דער אַנטיסעמיטיזם אַן אייביקער און אַ אומאָפּהענגיקער פון דעם געזעלשאַפטלעכן רעזשים.

און ווייל דער ציוניזם רייסט אָפּ די יידן־פראַגע פון יעדן געזעלשאַפטלעך־קלאַסנאַרטיקן הינטערגרונד, קומט ער דעריבער צום אויספיר, אַז אַזוי לאַנג ווי יידן לעבן צווישן נישט־יידן — וועט עקזיסטירן אַנטיסעמיטיזם. פונעם דאָזיקן אויספיר וועגן דער אייביקייט פון אַנטיסעמיטיזם, איז די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע דערגאַנגען צו דער קעגנערשאַפט פון איינגלידערן זיך פון די יידישע מאַסן אין די סאָציאַלע קאַמפן אין זייערע ווױנ־לענדער, און זי שטעלט אַרויס אַלס מוסטער דאָס אָרגאַניזירן זיך פון די יידן אין סעפּאַראַטע אָרגאַניזאַ־ציעס.

די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע פּרעדיקט אַ „קלאַסן־שלום־בית" צווישן עקס־פּלאָאַטאַטאָרן און עקספּלאָאַטירטע, צווישן יידישע מיליאָנערן און אַרבעטלאָזע, אַלס קעגן־געוויכט צום מאַרקסיסטישן לאָזונג פון „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַרייניקט אייך".

אַנטשפּרעכנדיק דער ציוניסטישער אנשויאונג, איז דאָס געמיינזאַמע צווישן די יידישע אַרבעטער און בורזשויען פיל באַדייטנדיקער און וויכטיקער, ווי צווישן די יידישע אַרבעטער און די אַמעריקאַנער אָדער רוסישע אַרבעטער. דער ציוניזם לייקנט אין דער מעגלעכקייט פון ענדערן דעם מצב פון די יידן אין רעזולטאַט פון זייער איינגלידערן זיך אין קאַמף פון די האַרעפּאַשניקעס און פאָלקס־מאַסן פאַר דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם, ער ווירקט פאַר אָפּרייסן זיי

פון די סאָציאַלע קאַמפן קעגן די פּלאָגן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט — איינשליסלעך קעגן דער פּלאָג פון אַנטיסעמיטיזם.

אַנשטאָט דער איינגלידערונג אין אַלגעמיינעם דעמאָקראַטישן קאַמף, אין קאַמף פאַר סאָציאַליזם, רוקט די ציוניסטישע טעאָריע אַרויס אַלס לייזונג די עמיגראַציע, די טעריטאָריאַלע קאָנצענטרירונג פון די יידן אין ארץ־ישראל (היינט צוטאָג — אין ישראל).

און אויב דער ציוניזם האָט געהאַט די אַמביציע צו געבן זיין אייגענעם ענטפער אויף דער פראַגע פון אַנטיסעמיטיזם, איז פון דעם נישט געדרונגען, אַז דער ציוניזם האָט זיך באַצויגן און באַציט זיך פולשטענדיק נעגאַטיוו צום אַנטיסעמיטיזם. אין קעגנזאַץ צו די קאָמוניסטן און די אַנדערע פּראָגרעסיווע כוחות, וועלכע האָבן געטאַדלט און פולשטענדיק אָפּגעוואָרפן דעם אַנטיסעמיטיזם אַלס אַ רעאַקציאָנערע באַוועגונג, וואָס שעדיקט דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף — האָט דער ציוניזם פּרובירט דווקא אויפצעבויט צו ווערן פון אַנטיסעמיטיזם.

טעאָדאָר הערצל האָט געשריבן: „...אונדזער זיכערקייט און אונדזער וווילשטאַנד שוואַכן אונדזי אָפּ אַלס יידן און פאַרווישן אונדזער סעפּאַרירונג. בלויז דער דרוק בינדט אונדז צו צו דער אַלטערטימלעכער ראַסע, בלויז די פיינטשאַפט פון אונדזער סביבה פאַרוואַנדלט אונדז ווידער אין פרעמדע" (כתבי הרצל, באַנד 1, ז' 32).

ציוניסטישע מנהיגים האָבן נישט איין מאָל פעסטגעשטעלט, אַז אַן אַנטיסעמיטישער דרוק דערפירט די יידן צום פאַרלאָזן זייערע וווין־לענדער און עמיגרירן קיין ארץ־ישראל, און פון דעם האָבן זיי געמאַכט דעם אויספיר, אַז דער אַנטיסעמיטיזם העלפט צו דעם „אויפבוי פון דער נאַציאָנאַלער היים".

דער דאָזיקער ציוניסטישער צוגאַנג, איז אָנגענומען ביזן היינטיקן טאָג. אַזוי, למשל, האָט דערקלערט דער כנסת־דעפּוטאַט יזהר הררי אויף אַ סימפּאָזיום וועגן באַוויזן זיך פון די האָקן־קרייצן אין די מערב־לענדער, וואָס איז פאָרגעקומען אין תל־אביב אין יאָר 1960: „אויב אין רעזולטאַט פון די האָקן־קרייצן וועט פאָרקומען אַ ווענדונג צווישן די פאַרשיידענע יידישע ישובים און זיי וועלן צוטרעטן איינצופּאַקן זייערע זאַכן, כדי עולה צו זיין קיין ישראל — זע איך נישט אין דעם קיין שום אומגליק".

די דאָזיקע באַציאונג פון ציוניזם צום אַנטיסעמיטיזם דרינגט אייגנטלעך אַרויס פון דעם, וואָס סיי די ציוניסטישע טעאָריע און סיי די טעאָריע פון אַנטיסעמיטיזם, גייען אַרויס פון די זעלבע גרונט־הנחות: די יידן זיינען אין אַלע לענדער פון דער גאָרער וועלט אַ פרעמדער עלעמענט, אָפּגעזונדערט פון דער איבעריקער באַפעלקרונג.

אַן אַנדערע טעזע פון דער ציוניסטישער טעאָריע זאָגט, אַז די יידן שטעלן מיט זיך פאָר אַן „עקסטעריטאָריאַלע אַלוועלטלעכע נאַציע", און אַלס אַזעלכע זיינען אויף זיי נישט חל די אַלגעמיינע געזעצן פון דער געזעלשאַפט. די ציוניסטישע טעאָריע באַגרינדעט די עקזיסטענץ פון אַן „אַלוועלטלעכער יידישער נאַציע" אויפן פאַקט פון דער עקזיסטענץ פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס צווינגט אַרויף אויף די יידן אַן אָפּזונדערונג פון די פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן און

אַ סעפּעראַטע נאַציאָנאַלע קאָנצענטרירונג, ווי אויך אויפן עטנישן פּרוּווּשטיין, לויט וועלכן די יידן אין דער גאָרער וועלט געהערן צו דער זעלבער „יידישער נאַציע", ווייל עס טיילט זיי אויס זייער בשותפותדיקער אָפּשטאַם פון די אַלטערטימלעכע העברעער (עברים).

די מאַרקסיסטן האָבן תמיד אָפּגעוואָרפן די נישט-רעאַלע און רעאַקציאָנערע ציוניסטישע טעאָריע וועגן דער כלומרשטער עקזיסטענץ פון אַן „אַלוועלטלעכער יידישער נאַציע"; אַז די יידן אין דער גאַנצער וועלט, וועלכע לעבן אין פאַרשיי־דענע לענדער און אונטער פאַרשיידענע רעזשימען, בילדן, כלומרשט, איין נאַציע, טראָץ דעם וואָס זיי האָבן נישט קיין בשותפותדיקע עקאָנאָמיק, קיין בשותפותדיקע טעריטאָריע, קיין בשותפותדיקע שפּראַך, קיין בשותפותדיקע קולטור אָדער בשותפותדיקע לעבנס־מנהגים — דאָס הייסט, טראָץ דעם, וואָס זיי פאַרמאָגן אָפּילו נישט קיין איין בשותפותדיקע אייגנשאַפט פון יענע אייגנשאַפטן וואָס כאַראַקטעריזירן די נאַציע. געוויס, די רעליגיעזע יידן אין פאַרשיידענע לענדער פאַרמאָגן אַ בשותפותדיקע רעליגיע; געוויס, פאַר די יידן אין פאַרשיידענע לענדער איז געמיינזאַם דער היסטאָרישער אָפּשטאַם פון די אַלטערטימלעכע העברעער (עברים), וועלכע האָבן אַמאָל געלעבט אין ארץ־ישראל. אָבער נישט מערער פון דעם.

זייענדיק פּרעזידענט פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט ד"ר נחום גאָלדמאַן געפּרוּווט אַרויסקומען מיט אַ „נייער" ציוניסטישער דעפיניציע אין דער פראַגע. אויף דער סעסיע פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, וואָס איז פאַרגעקומען אין ירושלים אין די טעג פון 16—23־סטן מערץ 1964, האָט נ. גאָלדמאַן געזאָגט:

„דאָס יידישע פאָלק איז אַ היסטאָריש וועזן, וואָס האָט נישט זיינס גלייכן. עס איז אַ פאָלק, רעליגיע, ראַסע, און טרעגער פון אַ ספּעציעלער ציוויליזאַציע און קיין שום טערמין פון די נישט-יידישע טערמינען פאַר „פאָלק", „נאַציע", „רעליגיע" איז נישט אימשטאַנד צו דעפינירן ווי געהעריק די דאָזיקע ספּעציפישע דערשיינונג, וואָס רופט זיך דאָס יידישע פאָלק אין דער געשיכטע... דריי יסודות כאַראַקטעריזירן אים: דאָס וואָס ער איז אַן אינטערנאַציאָנאַל פאָלק, דאָס וואָס ער איז פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל און דאָס וואָס ער איז פון אַלגע־מיינעם היסטאָרישן שטאַנדפּונקט איינער פון די ביז גאָר זיך נישט-אידענטיפי־צירנדיקע גרופּן אין דער וועלט-געשיכטע... מיר דאַרפן קעמפן פנים־אל־פנים אין דער נישט-יידישער וועלט און אפילו אין דער יידישער געמיינשאַפט גופא פאַר אונדזער רעכט צו לעבן אַלס סעפּאַראַטע מינדערהייט, אַלס אַ זיך נישט־אידענטיפיצירנדיקע מינדערהייט אונטער וועלכן נישט איז רעזשים און אין וועלכן נישט איז לאַנד. מיר דאַרפן פירן דאָס יידישע פאָלק מיט אונדזערע אָנשטרענגונגען און מיט אונדזער קאַמף פאַר אונדזער ספּעציפישן רעכט צו פאַרבלייבן דאָס זעלבע יידישע פאָלק, ווי מיר זיינען דאָס געווען טויזנטער יאָרן, אַלס פאָלק, וואָס איז פאַראייניקט אַרום אונדזער שעפערישן צענטער אין ישראל"...

די דאָזיקע נישט־רעאַלע „דעפיניציע" איז סותר די היסטאָרישע אַנטוויקלונג. די יידישע יישובים לעבן אונטער פאַרשיידענע סאָציאַלע רעזשימען און זיי זיינען

פאַרבונדן מיט די פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן פון עקאָנאָמישן, קולטורעלן שטאַנדפונקט און אַפילו פון שטאַנדפונקט פון געפיל, אַז דאָס איז זייער היימלאַנד. אפילו די ציוניסטן אין אַמעריקע האַלטן אין איין אונטערשטרייכן ביי יעדער געלעגנהייט דעם פאַקט, אַז זיי זיינען אַמעריקאַנער. פון סאָציאַלן און פאָליטישן שטאַנדפונקט זיינען די יידן אין אַמעריקע און אין אנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער צעטיילט לויט זייער קלאַסן־באַזע, אויף דער באַזע פון געראַנגל צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם, צווישן שלום און מלחמה, צווישן פּראָגרעס און רעאַקציע. די יידן אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע זיינען אפילו צעטיילט אין די מיינונגען בנוגע דעם קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג פון די נעגערס.

עס איז באַלערנדיק דאָס אויטאָריטאַטיווע עדות־זאָגן פון אַלוף־משנה (קאָלאָנעל) מרדכי בר־און, שעף פון דער אָפּטיילונג פאַר יוגנט און חלוץ ביי דער יידישער אַגענץ, וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט פון אַ באַזוך ביי דער יידישער יוגנט אין די פאַרייניקטע שטאַטן אין אָקטאָבער 1968, און ער האָט איבערגעגעבן:

„...אַ טרויעריקער גרוס, אַן אומעטיק בילד פונעם מצב ביים היינטיקן טאָג און אַ האַרבע וויזיע וועגן די אויסזיכטן אויף דער נאָענטער צוקונפט. פון דער דאָזיקער גאַנצער פּרעכטיקער יוגנט (אַ מיליאָן יוגנטלעכע פון צווישן 6 מיליאָן אַמעריקאַנער יידן) זיינען אונדז פאַרבליבן — בלויז ברעקלעך. ווייניקע, זייער ווייניקע פון זיי זיינען געטריי און צוגעבונדן צום יידנטום, צום ציוניזם און צו מדינת ישראל. נאָך ווייניקער פון זיי וויסן עפּעס וועגן זייער יידישקייט... במשך פון אַנדערטהאַלבן יאָר האָבן מיר געהערט וועגן דער אויפטרייסלונג און דער דערוואַכונג פון די יידן אין די תפוצות אין רעזולטאַט פון גלענצנדיקן נצחון בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. מיר איבערטרייבן שטאַרק דעם פאַרנעם פון דער דאָזיקער דערוואַכונג. ס'איז טאַקע ריכטיק, אַז די דאָרטיקע יידן זיינען אויפגעטרייסלט געוואָרן אין די טעג פון דער דאָזיקער מלחמה און נאָך איר, די דערוואַכונג איז אָבער באַלד פאַרלאָשן געוואָרן און נישט דורכגעאַקערט טיף דעם באָדן: פאַראַן דאָרט אַ זאָרג פאַר וויעטנאַם, פאַר די נעגערס. אָבער פאַר ציוניזם און פאַר ישראל — זייער און זייער ווייניק" („ידיעות אחרונות", 30.10.68).

דאָס איז אַ ביז גאָר אויטאָריטאַטיווע ציוניסטישע עדות־זאָגונג וועגן דעם ריכטיקן מצב, וועגן דער גרונטלאָזיקייט פון די ציוניסטישע דעפיניציעס און וועגן דער אילוזיע פון דער ציוניסטישער אידיי.

די אויבנדערמאָנטע שילדערונג באַשטעטיקט פולשטענדיק, אַז ציוניסטן און יידן — דאָס זיינען צוויי פאַרשיידענע באַגריפן. די ציוניסטן זיינען יידן, אָבער דער גרעסטער טייל יידן זיינען נישט קיין ציוניסטן, אפילו אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. די אויבנדערמאַנטע שילדערונג באַווייזט אויך, אַז ס'איז פאַראַן אַ פּראָצעס פון איינגלידערן זיך פון די יידן, און ספּעציעל פון דער יידישער יוגנט, אין אַלגעמיינעם לעבן פון די פאַרייניקטע שטאַטן. און נאָך מערער לאָזט זיך פילן דער דאָזיקער פּראָצעס אין סאָציאַליסטישן ראַטנפאַרבאַנד. די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן אָבער, וועלכע זיינען צייטנווייז גרייט מודה צו זיין אין דער עקזיסטענץ פון די אָביעקטיווע פּראָצעסן צווישן די יידן פון אַמעריקע, זאָגן זיך אָפּ אַזוי צו האַנדלען לגבי דעם ראַטנפאַרבאַנד, צוליב פּאָליטישע אַנטי־

סאָוויעטישע מאַטיוון, צוליב אויסרעכענונגען פון די נויטוועגדיקייטן פון דער קאַלטער מלחמה. זיי זיינען צייטנווייז מודה אין דער ווירקלעכקייט, אַז דער איבערוויגנדיקער טייל פון די יידן אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע באַטראַכטן זי אַלס זייער היימלאַנד, גענוי ווי אַלע אַנדערע אַמעריקאַנער בירגער, און זיי שטויסן אָפּ די אַלע, וואָס פאָדערן פון זיי, אַז זיי זאָלן עמיגרירן קיין ישראל. עס איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד, ביי אַ סאָציאַליסטישן רעזשים, זיינען די יידישע מאַסן נאָך מערער צוגעבונדן צו זייער היימלאַנד און בדרך־כלל לאָזן זיי זיך נישט פאַרפירן דורך דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

די ווערטער פון ד״ר נחום גאָלדמאַן וועגן דעם, אַז די יידן דאַרפן זיך נישט אידענטיפיצירן מיט קיין שום רעזשים, זיינען געווענדעט פאַקטיש צו דעם, אַז די יידן פון ראַטנפאַרבאַנד און פון אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער — דאַרפן זיך נישט אידענטיפיצירן מיט די רעזשימען אין יענע לענדער. די ציוניסטישע באַוועגונג שטייט, כלומרשט, איבער אַלע קלאַסן, פאַקטיש אָבער איז זי מיט טויזנטער פעדעם פאַרבונדן מיטן מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל און ספּעציעל מיטן אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל. דער רוף צו אידענטיפיצירן זיך מיטן היינטיקן ישראל, דאָס הייסט, מיט דער רעגירונג, וואָס איז פאַרבונדן מיטן אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, איז נישט אומאָפּהענגיק אין איר קלאַסן־וועזן און אין איר אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער אָריענטאַציע פון דער היינטיקער ישראל.

נאָך אין די ערשטע יאָרן פון מדינת ישראל, ווען די אָפּהענגיקייט פון אַמעריקע איז נאָך נישט געווען אויף אַזויפיל עקסטרעם, ווי זי איז עס היינט צוטאָג, האָט דער אָרגאַן פון מפ״ם, „על המשמר״, געשריבן אין אַ לייטאַרטיקל:

„די הויפּט־טעזע פון דער אויפקלערונג פון מ. שרת (וועלכער איז דעמאָלט געווען אויסערן־מיניסטער פון ישראל) זאָגט: „עס איז נישט מעגלעך קיין הילף פון אַמעריקאַנער יידן פאַר ישראל, ווען ס׳איז פאַראן אַ סכסוך צווישן ישראל און די פאַראייניקטע שטאַטן״. דאָס הייסט, אַז די אַקטיווע באַטייליקונג פון די אַמעריקאַנער יידן אינעם אויפבוי פון אונדזער מדינה איז באַדינגט פון דער איינגלידערונג פון דער ישראלדיקער אויסערן פּאָליטיק אין דער גלאָבאַלער פּאָליטיק פון וואַשינגטאָן. אונדזערע אחינו בני־ישראל אויף יענער זייט ים וועלן אונדז נישט קומען צו הילף, אויב מיר וועלן זיך נישט פאַרשקלאַפן צום ווילן פון זייער רעגירונג״ („על המשמר״, 5.8.1952).

פונדאַנען איז געדרונגען, אַז די ציוניסטישע פּאָליטיק, וואָס איז אויך די פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג, איז נישט נאָר, וואָס זי איז נישט אויסן, אַז די יידן אין דער גאָרער וועלט זאָלן זיך נישט אידענטיפיצירן מיט אַלע רעזשימען, נאָר זי איז בפירוש אויסן צו אידענטיפיצירן זיך מיטן קאַפּיטאַליזם, מיטן אימפּעריאַליזם, און ספּעציעל מיטן אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם.

די לעצטע צוזאַמענפאָרן פון די יידישע מיליאָנערן פון אַמעריקע, פון ענגלאַנד און פון אַנדערע מדינות, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין ישראל, האָבן אונטערגעשטראָכן דעם אַנטי־אַרבעטער־קלאַסן־כאַראַקטער פון דער אונטערשטיצונג פאַרן עקזיסטירנדיקן רעזשים אין ישראל און איר אַנטי־סאָוויעטישן, פּראָ־אימפּעריאַליסטישן כאַראַקטער פון שטאַנדפּונקט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

די ציוניסטישע פּאָליטיק

זינט דער געשטאַלטונג פון ציוניזם אַלס פּאָליטישע באַוועגונג דורך ט. הערצל און די אַנדערע ציוניסטישע מנהיגים, האָט זיך די ציוניסטישע פּאָליטיק באַזירט אַלס פּאָליטיק פון קאָאָפּערירן מיט די רעאַקציאָנערע כוחות, מיט די אימפּע־ריאַליסטישע גרויסמאַכטן קעגן דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציאָנערער באַווע־גונג און קעגן דער באַוועגונג פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

הערצל זעלבסט האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיטן אימפּעראַטאָר פון דייטשלאַנד און מיטן צאַרישן מיניסטער פּלעווע, וועלכער האָט אין זיינער צייט אָרגאַניזירט די פּאָגראָמען אויף יידן אין צאַרישן רוסלאַנד. הערצל האָט אים פאָרגעשלאָגן אַ ציוניסטישן פּלאַן, וואָס זאָל דערפירן צום אָפּרייסן די יידישע אַרבעטער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, פונעם קאַמף קעגן דעם צאַריזם, פאַר דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם.

נישטאָ אַזאַ אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכט, אויף וועלכער דער פּאָליטישער ציוניזם האָט נישט געלייגט זיינע האָפענונגען, און נישטאָ אַזאַ אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכט, וועלכע האָט נישט פּרובירט, אין אַזאַ אָדער אַנדערער פאָרם, אויסצונוצן דעם ציוניזם פאַר אירע צוועקן, און ספּעציעל פאַר איר ציל צו באַהערשן דעם מיטעלן מזרח.

נאָכן דעראָבערן ארץ־ישראל דורך די ענגלענדער איז די פּראַקטיק פון דער ציוניסטישער לייטונג געווען צו קאָלאַבאָרירן מיט די מאַכט־אָרגאַנען פון ברי־טישן מאַנדאַט. דאָס איז געווען אַ קאָלאַבאָראַציע און קעגנזייטיקע הילף קעגן אַראַבישן פּאַלעסטינעזישן פאָלק. די פּאָליטיק פון דער ציוניסטישער אָנפירער־שאַפט האָט געשטרעבט צו דערוועבן און אָקופּירן מיט דער הילף פון דער בריטישער מאַכט מאַקסימום פון דער אַראַבישער טעריטאָריע און איבערלאָזן אויף איר אַ מינימום פון אַן אַראַבישער באַפעלקערונג.

די בריטישע מאַכט אין לאַנד האָט איבערגעלאָזט אין קראַפט דעם אָטאָמאַ־נישן באָדן־געזעץ פון די צייטן פון דער טערקישער הערשאַפט, לויט וועלכן די פעלאַכן, וועלכע האָבן באַאַרבעט דעם דאָזיקן באָדן זינט דורי־דורות, זיינען נישט באַטראַכט געוואָרן אַלס אייגנטימער פון די דאָזיקע ערד־שטחים, נאָר בלויז אַלס פּאַכטער. די אייגנטימער פון דאָזיקן באָדן זיינען געווען גוט־באַזיצער, וואָס אַ סך פון זיי האָבן אַפילו נישט געוווינט אין ארץ־ישראל. די ציוניסטישע אַנשטאַלטן פלעגן אָפּקויפן די ערד־שטחים פון די דאָזיקע גוט־באַזיצער אין גאַנצע ראַיאָנען און מיט דער הילף פון די קאָלאָניאַלע בריטישע „געזעץ-היטער" פלעגן זיי פאַרטרייבן די אַראַבישע פעלאַכן פון דעם באָדן וועלכן זיי האָבן באַאַרבעט, שטיצנדיק זיך אויפן רעאַקציאָנערן אַגראַר־געזעץ. „כיבוש הקרקע", „אָקופּאַציע פון באָדן" פון די אַראַבישע פעלאַכן — דאָס איז געווען אַ געהייליקטער ציוניס־טישער לאָזונג אין יענער תקופה.

די פעלאַכן וואָס זיינען פאַרבליבן אָן ערד־שטחים און אָן פּרנסה, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מקור פון ביליקער אַרבעט אין די פּרדסים, אין די מושבות און שטעט. כדי אַרויסצורייסן די אַרבעט פון אַראַבישע אַרבעטער איז

אַרויסגעהויבן געוואָרן דער צווייטער ציוניסטישער לאָזונג — „כיבוש העבודה" — באַהערשן דעם אַרבעטס־מאַרק. די אַראַבישע אַרבעטער זיינען אויסדריקלעך פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע אַרבעטס־פלעצער דורך ספּעציעלע פּיקעטן, וואָס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די הסתדרות־טוער. די הסתדרות־לייטונג פון איר זייט האָט נישט מסכים געווען אויף דעם, אַז די אַראַבישע אַרבעטער זאָלן זיך אָנשליסן אין אירע רייען און די מיטגלידערשאַפט אין דער הסתדרות איז געווען בלויז פאַר יידן. ערשט אין די לעצטע יאָרן, נאָך שווערע און לאַנגדויערנ־דיקע קאַמפן, איז דערמעגלעכט געוואָרן די אַראַבישע אַרבעטער אָנצושליסן זיך אין דער הסתדרות.

דער דריטער ציוניסטישער לאָזונג איז געווען „תוצרת הארץ" (אינלענדישע פּראָדוקציע), און פאַקטיש האָט עס באַדייט „תוצרת עברית" (יידישע פּראָדוקציע). דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין אַרויפלייגן אַ באָיקאָט אויף אַראַבישע פּראָדוקציע און אַראַבישע סחורות, הגם די דאָזיקע סחורות זיינען געווען פון זעלבן לאַנד — ארץ־ישראל.

די פּראַקטיק פון די מנהיגים פון יידישן יישוב אין ארץ־ישראל, וועלכע איז געווען אינספּירירט דורך די דאָזיקע דריי לאָזונגען, האָט כאַראַקטעריזירט די ציוניסטישע פּאָליטיק און האָט פאַרקויטיקט די באַציאונגען צווישן די יידן און אַראַבער אין ארץ־ישראל צו דער גרויסער פרייד פון דריטן צד — פון בריטישן אימפּעריאַליזם.

דער כנסת־דעפּוטאַט פון דער אַרבעטס־פּאַרטיי און פּאָרזיצער פון דער אויסערן־און זיכערהייטס־קאָמיסיע פון דער כנסת, דוד הכהן, האָט אַזוי געשיל־דערט דעם מצב אין דער תקופה פון דער בריטישער קאָלאָניאַלער מאַנדאַט־מאַכט:

„ווען כ׳בין אַריינגעגאַנגען (אין לאָנדאָן) אין קלוב פון סאָציאַליסטישע סטודענטן, ענגלענדער און אירלענדער און יידן און כינעזער און הינדוסן און אַפריקאַנער — אַלע זיינען מיר געווען אונטערגעוואָרפן דער ענגלישער מאַכט — און אָט שוין דעמאָלט האָב איך באַדאַרפן צו קעמפן מיט מיינע חברים אין דער אינטימער סביבה וועגן יידישן סאָציאַליזם; צו פאַרטיידיקן דעם פאַקט, וואָס איך נעם נישט אָן קיין אַראַבער אין מיין טרייד־יוניאָן, אין דער הסתדרות; אַז ביי אונדז אין לאַנד פּרעדיקט מען פאַר די באַלעבאָסטעס נישט צו קויפן ביי אַראַבער; צו שטיין אויף דער וואַך ביי יעדן פּרדס, אַז קיין אַראַבישער אַרבעטער זאָל דאָרט נישט באַקומען קיין אַרבעט; אַז מען זאָל באַגיסן מיט נאַפט אַראַבישע טאָמאַטן; אַז מען זאָל אָנפאַלן אין מאַרק אויף די יידישע באַלעבאָסטעס און צוברעכן די אייער אין זייער קויש, וואָס האָבן געקויפט ביי אַראַבער; צו לויבן ביזן הימל אַריין דעם קרן קיימת, וואָס דעלעגירט ישראל כאַנקין קיין ביירוט, כדי דאָרט צו קויפן ערד־שטחים פון אָפּוועזנדיקע עפענדעס און דערלאַנגען אַ קלאַפּ די פעלאַכן. קויפן צענדליקער דונאַם פון אַן אַראַבער — דאָס איז דערלויבט. אָבער פאַרקויפן, חס וחלילה, איין יידישן דונאַם צו אַן אַראַבער — פאַר קיין פאַל נישט. נעמען אַלס סאָציאַליסט דעם סימבאָל פון קאַפּיטאַליזם, ראָטשילדן, און

רופן אים מיטן נאָמען „הנדיב הידוע" — „דער באַקאַנטער נדבן", דאָס איז נישט געווען אַזוי איינפאַך..." („הארץ, 15.11.1968).

ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דער דירעקטאָר פון קרן קיימת, יוסף ווייץ, אין אַ מעמאָראַנדום צו דער לייטונג פון דער יידישער אַגענץ (סוכנות) — פאָרגעשלאָגן צו דערוועדבן באַדן אין די אַראַבישע לענדער און אַריבערפירן דאָרט אַהין אַראַבער פון ארץ־ישראל. ער האָט פאָרגעלייגט אַריבערצופירן מאַסן אַראַבער פון די בערג פון יהודה און שומרון קיין עבר־הירדן, און פון גליל — קיין סיריע און לבנון.

די ציוניסטישע פּאָליטיק פון טעריטאָריאַלער עקספּאַנסיע און די פאַרטרייבונג פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג פון ארץ־ישראל, ווערט ווייטער פאָרגעזעצט אין מדינת־ישראל. דאָס איז די אָפיציעלע פּאָליטיק פון דער רעגירונג. אין זיין רעפעראַט אויפן צוזאַמענפאָר פון הקיבוץ המאוחד אין מעוז חיים (17.4.1968) האָט יגאל אלון, דער דעמאָלטדיקער אַרבעטס־מיניסטער, דערקלערט:

„אונדזער פליכט צו קאָלאָניזירן דאָס ,גרויסע ישראל' איז נישט ווייניקער וויכטיק ווי ס'איז געווען די קאָלאָניזירונג פון עמק הירדן און עמק בית־שאן אין די טעג פון מאַנדאַט. ווער עס צווייפלט אין דאַזיקן אמת, שטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן די גאַנצע ציוניסטישע קאָנצעפּציע" („דזערוזאַלעם פּאָסט", 18.4.1968).

מיר, מאַרקסיסטן־לעניניסטן, דאַרפן גאַרנישט צוגעבן צו די דאַזיקע דעפיניציעס פון די ציוניסטישע עסקנים גופא וועגן כאַראַקטער און צילן פון זייער פּאָליטיק. דאָס איז אַ שאָוויניסטישע, אַנטי־אַראַבישע פּאָליטיק, וואָס איז געבויט אויף קאָאָפּעראַציע מיטן אימפּעריאַליזם: אין די יאָרן פון ענגלישן מאַנדאַט — מיטן בריטישן אימפּעריאַליזם, אין דער ערשטער ריי, און נאָך דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל — מיטן אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, אין דער ערשטער ריי.

די ציוניסטישע פּאָליטיק האָט תמיד פאַרקויטיקט און האַלט ווייטער אין איין פאַרקויטיקן די באַציאונגען צווישן די פעלקער ביי אונדז אין לאַנד און אין ראַיאָן, זי האָט נישט דערמעגלעכט און דערמעגלעכט ווייטער נישט צו רעגולירן די יידיש־אַראַבישע און די ישראל־אַראַבישע באַציאונגען לטובת ביידע פעלקער. דער הויפּט־געניסער איז דער אימפּעריאַליזם, וועלכער פירט זיין טראַדיציאַנעלע פּאָליטיק פון „צעטייל און הערש" אויך ביים היינטיקן טאָג, און ער איז בכלל נישט פאַראינטערעסירט צו דערפירן צו אַ לייזונג פון ישראל־אַראַבישן סכסוך און פון פּאַלעסטינעזישן פּראָבלעם.

די ציוניסטישע פּאָליטיק איגנאָרירט פולשטענדיק די לעבנסוויכטיקע יידישע אינטערעסן און זי דרייט זיך אויס צו זיי מיטן רוקן, ווען זיי זענען איר אויס קעגנזעצלעך צום פּאָליטישן אינטערעס פון ציוניזם. די ציוניסטישע מנהיגים האַלטן זיך אָפּ, אין אַלגעמיין, פון קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

נאָכדעם ווי היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד, ווען אַלע אַנטי־פאַשיסטישע כוחות אין דער גאָרער וועלט און דער איבערוויגנדיקער טייל פון די יידישע אָרגאַניזאַציעס האָבן פּראָקלאַמירט אַ באָיקאָט אויף נאַצי־דייטש־

לאַנד, זיינען געווען קאָנטאַקטן און אַ קאָאָפּעראַציע צווישן ציוניסטישע מנהיגים און דער היטלעריסטישער מאַכט. דער פאַרשטאָרבענער מאיר ארגוב, וועלכער איז צו יענער צייט געווען פאָרזיצער פון דער אויסערן־און זיכערהייטס־קאָמיסיע פון דער כנסת, האָט פולשטענדיק באַרעכטיקט דעם שילומים־אָפּמאַך (פאַרגיטי־קונג) מיט מערב־דייטשלאַנד מיט דער מאָטיווירונג, אַז אַזוי האָט תמיד געהאַנדלט דער ציוניזם פון דעמאָלט אָן זינט „הערצל איז געגאַנגען צו פּלעווע׳ן, וועלכער האָט אָרגאַניזירט די פּאָגראָמען און שחיטות פון יידן אין צאַרישן רוסלאַנד, כדי צו פירן פאַרהאַנדלונגען וועגן א „מקלט בטוח" (זיכערע היים אין ארץ־ישראל), און זינט „דער שעף פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג פון דער יידישער אַגענץ, חיים ארלאזאָראָוו, איז געגאַנגען און געשלאָסן דעם טראַנספער־אָפּמאַך (מיט נאַצי־דייטשלאַנד) " („דברי הכנסת" 30.6.1959).

ווען די נאַציס זיינען אריבערגעגאַנגען פון דער עקסטרעמער ראַסיסטיש־אַנטיסעמיטישער ליניע צו דער ליניע פון דער פיזישער פאַרטיליקונג פון די יידישע מאַסן אין איראָפּע, האָבן זיך אויך די ציוניסטישע מנהיגים מאָביליזירט צום קאַמפּס־פראָנט קעגן די נאַציס. צוגלייך מיט דעם אָבער באַווייזן די פאַקטן, אַז אויך אין דער תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די ציוניסטישע אָנפירערשאַפט געזוכט אַ וועג צו די נאַצישע פירער, כדי צו רעאַליזירן די ציוניסטישע צילן אפילו אויפן חשבון פון די יידישע פאָלקס־מאסן.

דער פּראָצעס פון רודאָלף קאַסטנער, וואָס איז פאָרגעקומען אין ירושלים אין יאָר 1952, האָט אויפגעדעקט די קאָלאַבאָראַציע צווישן דעם נאַצישן תליין אייכמאַן און דעם פירער פון די אונגאַרישע ציוניסטן אין דער תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — ר. קאַסטנער. קאַסטנער און זיינע חברים האָבן זייער גוט געוווּסט, אַז די נאַציס שיקן די יידן פון אונגאַרן אין די טויט־קרעמאַטאָריעס, זיי האָבן אָבער געהאַלטן פאַר נויטיק דאָס אויסצובאַהאַלטן פון די יידישע מאַסן פאַרן פּרייז פון צוזאָג מצד דעם נאַצישן צורר אייכמאַן צו דערמעגלעכן עטלעכע הונדערט יידן, הויפּטזעכלעך ציוניסטישע טוער און פּראָ־ציוניסטישע קאַפּיטאַ־ליסטן, אַרויספאָרן קיין ארץ־ישראל. די עדות־דערקלערונגען אויפן פּראָצעס האָבן באַוויזן, אַז קאַסטנער און זיינע מענטשן האָבן געזאָרגט „איינצושטילן" און „באַרואיקן" די יידישע מאַסן. אַזוי אַרום האָבן זיי איינגעשלעפערט זייער וואַכ־זאַמקייט און פאַרלייכטערט די נאַציס אין זייער אַרבעט צו שיקן די יידן אין די פאַרטיליקונגס־לאַגערן. ווען די יידן אין אונגאַרן וואָלטן דעמאָלט געוווּסט דאָס, וואָס קאַסטנער האָט געוווּסט, איז צו גלויבן, אַז זיי וואָלטן רעוואָלטירט אָדער אַנטלאָפן און אַנגעשלאָסן זיך אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

אָבער נישט בלויז אין פאַל פון די יידן אין אונגאַרן האָט די ציוניסטישע לייטונג געפירט אַזאַ ליניע. זי האָט אַ לענגערע צייט אויסבאַהאַלטן פון דער עפנטלעכער מיינונג דעם טרויעריקן פאַקט פון דער יידן־פאַרטיליקונג דורך די נאַציס. אויף אַ סימפּאָזיום, וואָס די אָוונט־צייטונג „מעריב" האָט איינגעאָרדנט אין יאָר 1966, אונטערן קעפּל: „די פירער פון דער הגנה, אצ"ל און לח"י אַרום אַ רונדן טיש", האָט דער כנסת־דעפּוטאַט חיים לאַנדאו אָנגעמערקט:

„עס איז אַ פאַקט, אַז אין יאָר 1942 האָט שוין די ייִדישע אַגענץ (סוכנות) געוווּסט וועגן דער ייִדן־פאַרטיליקונג. אויב דער טעמפּאָ פון דער דאָזיקער פאַרטיליקונג איז נישט געווען באַוווּסט, איז אָבער דער עצם פאַקט פון דער פאַרטיליקונג געווען גוטבאַקאַנט דער סוכנות־לייטונג און די ייִדישע קרייזן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. און דער אמת איז, אַז נישט נאָר, וואָס זיי האָבן געשוויגן, נאָר זיי האָבן אויך איינגעשטילט און אויסבאַהאַלטן דאָס, וואָס זיי האָבן שוין געוווּסט" („מעריב", 24.4.1966).

אויפן דאָזיקן סימפּאָזיום האָט אויך עדות געזאָגט דער ציוניסטישער טוער אליעזר ליבנה (רעדאַקטאָר פון הגנה־אָרגאַן אין דער תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה), אַז פאַר דער ציוניסטישער לייטונג איז דאָס אָפּראַטעווען ייִדן נישט געווען אַ ציל פאַר זיך, נאָר בלויז אַ מיטל. אַנדערש וואָלטן די ציוניסטישע מנהיגים אָנגעוואָנדן אַן אַנדערע טעטיקייט־ליניע. א. ליבנה דערקלערט:

„אין יענער תקופה (די יאָרן פון נאַצי־חורבן), האָט די עיקרדיקע נאַציאָנאַלע אויפגאַבע באַדאַרפן זיין — די רעטונג פון די ייִדן אין די תפוצות. אַ רעטונג נישט דווקא כדי אַראָפּצוברענגען זיי אין לאַנד אַריין; נישט כדי צו באַפעלקן די ענגלענדער, נאָר אָפּראַטעווען ייִדן צוליבן אָפּראַטעווען זיי". („מעריב", 10.4.1966). דאָס און נאָך עפּעס האָט א. ליבנה געזאָגט אין דער באַהאַנדלטער פּראָגע: „איך וויל זאָגן, וואָס מיר האָבן באַדאַרפן טאָן, אויב מיר וואָלטן געזען דעם הויפּט־ציל אין אָפּראַטעווען דעם מאַקסימום ייִדן אויף זייערע ערטער. די אַקציע־צענטערס זיינען געווען די פּאַרטיזאַנער־באַזעס. פּאַרטיזאַנער זיינען געווען אין פּוילן, אין ליטע, אין די אָקופּירטע נאַצישע געביטן פון רוסלאַנד, אין יוגאָסלאַוויע און אַביסל שפּעטער אויך אין סלאָוואַקיע. אויב מיר וואָלטן אין שטערן די דאָזיקע פאַרטיליקונג געזען דעם עיקר און אויב מיר וואָלטן זיך פאַרבונדן מיט די דאָזיקע צענטערס — וואָלטן מיר געקענט פיל פון זיי אָפּראַטעווען" („מעריב", 24.4.1966).

אַ ביז גאָר וויכטיק אָרט אין דער ציוניסטישער פּאָליטיק פאַרנעמען די העצעריי און די אונטערגראָבערישע טעטיקייט קעגן ראַטנפאַרבאַנד און די אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער, קעגן דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג.

די ציוניסטישע מנהיגים, וועלכע פאַרזעען בדרך־כלל די אַנטיסעמיטישע טעטיקייט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, פירן אַן אַלוועלטלעכע גרויל־פּראָפּאַגאַנדע קעגן ראַטנפאַרבאַנד און אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער, מיטן מאָטיוו, אַז דווקא אונטער אַ סאָציאַליסטישן רעזשים בליט דער אַנטיסעמיטיזם. אַזוי אַרום ווילן די ציוניסטישע מנהיגים „באַווייזן", אַז דער סאָציאַליזם איז נישט מסוגל צו לייזן די ייִדן־פּראַגע און גובר זיין דעם אַנטיסעמיטיזם.

די דערפאַרונג פונעם סאָציאַליזם באַווייזט אָבער, אַז אין די סאָציאַליסטישע לענדער איז יאָ געלייזט געוואָרן די ייִדן־פּראַגע, עס זיינען מיטן וואָרצל אויסגעריסן געוואָרן די סאָציאַלע און פּאָליטישע יסודות פון אַנטיסעמיטיזם. אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד זיינען מערער נישט פאַראַן קיין געזעלשאַפטלעכע קלאַסן,

וואָס זיינען פּאַראינטערעסירט אין אַנטיסעמיטיזם און בכלל אין נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע.

דאָס מיינט נישט, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד אָדער אין אַן אַנדער סאָציאַליסטיש לאַנד זיינען מערער נישט פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן זיך נאָך נישט באַפרייט פון די איבערבלייבעכצן פון אַנטיסעמיטישע איינשטעלונגען און אַנדערע נאַציאָנאַליסטישע פּאָראורטיילן. די סיבה פון די דאָזיקע אויסנאַם-דערשיינונגען שטעקט אין דעם, וואָס עס לעבן נאָך מענטשן פון די אַלטע קלאַסן, וואָס עס זיינען נאָך פאַראַן מענטשן, וועלכע זיינען באַאיינפלוסט פון דער אַלטער בורזשואַזער געזעלשאַפט און פון דער אויסערלעכער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. עס איז אויך משפּיע די אויסלענדישע אידעאָלאָגישע אימפּעריאַליסטישע אונטערגראָבונגס-טעטיקייט, וועלכע באַמיט זיך אַריינצושמוגלען נאַציאָנאַליסטישע פּאָראורטיילן און דערפירן צו אַ צעשיידונג צווישן די פעלקער, כדי פון אינעווייניק צו אונטערגראָבן די סאָציאַליסטישע מדינות.

די פראַגע פון ליקווידירן די רעשטלעך פון אַנטיסעמיטיזם און אַנדערע נאַציאָנאַליסטישע פּאראורטיילן אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, איז נישט קיין אָפּגעזונדערטע פראַגע, נאָר אַ טייל פון דער מער אַלגעמיינער פראַגע פון ליקווידירן די רעשטלעך פון דער אידעאָלאָגיע און פּאָראורטיילן פון קאַפּיטאַליזם אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

עס זיינען נאָך פאַראַן שאָוויניסטישע פּאָראורטיילן ביי פאַרשיידענע מענטשן אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט (און יידן זיינען נישט קיין אויסנאַם), געענוי ווי עס זיינען נאָך פאַראַן רעליגיעזע פּאָראורטיילן און אַנדערע נעגאַטיווע דערשיינונגען. די אַלע זאַכן זיינען אָבער נישט כאַראַקטעריסטיש פאַרן סאָציאַליזם, נאָר קעגנזעצלעך צו זיין מהות. דאָס זיינען נישט אייגנשאַפטן פון סאָציאַליזם, נאָר אייגנשאַפטן פון קאַפּיטאַליזם און דעריבער זיינען דאָס פאַרבייגייענדיקע דערשיינונגען אין סאָציאַליסטישע מדינות.

דער פאַקט פון אויסוואַנדערונג פון יידן פון סאָציאַליסטישע לענדער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, איינשליסלעך קיין ישראל, איז נישט קיין רעזולטאַט פון סאָציאַליסטישן רעזשים, נאָר אַ פּראָדוקט פון פאַרשיידענע היסטאָרישע אומשטענדן. נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה, האָבן אויף אַ טייל יידן משפיע געווען די גרוילן פון דער פאַרטיליקונג מצד די נאַציס, אין דער ריכטונג פון פאַרלאָזן די ערטער פון חורבן און די שטרעבונג צו פאַראייניקן זיך מיט זייערע פאַמיליעס אין אויסלאַנד. אַנדערע טיילן, פון קליינבירגערלעכן אָפּשטאַם, האָבן באַפאַרצוגט צו לעבן אונטער אַ קאַפּיטאַליסטישן רעזשים איידער אונטער אַ סאָציאַליסטישן. אין אנדערע פאַלן האָט משפיע געווען די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, ווי אויך שוועריקייטן פון סאָציאַליסטישן בוי און באַגאַנגענע פעלערן אין געוויסע סאָציאַליסטישע לענדער.

די ציוניסטישע אידעאָלאָגן נוצן אויס פאַר זייערע צוועקן דעם פאַקט, וואָס אין אַ געוויסער תקופה זיינען יידן (און אויך מענטשן פון אַנדערע פעלקער) און זייערע קולטור-טרעגער אין ראַטנפאַרבאַנד געטראָפן געוואָרן, דעמאָלט ווען ס׳האָט געהערשט דער פערזאָנען-קולט און ס׳זיינען געווען פאַרלעצונגען פון

דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט. זי פֿאַרהוילן דעם פֿאַקט, אַז אויך דעמאָלט איז דאָס פֿאַרגעקומען נישט אויפֿן באָדן פֿון אַנטיסעמיטיזם אָדער אַנדערער נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע, נאָר אויפֿן באָדן פֿון די אַלגעמיינע פֿאַרלעצונגען פֿון דער סאָציאַליסטישער געזעצלעכקייט אין דער תּקופֿה פֿון דער קאַפּיטאַליס־טישער אַרומרינגלונג, און אַלס רעזולטאַט פֿון באַגאַנגענע פֿעלערן און פֿאַרקריפּ־לונגען אין יענע טעג.

עס איז אָבער אַ פֿאַקט, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד און די סאָוועטישע רעגירונג האָבן פֿון זייער אייגענער איניציאַטיוו אויסגעבעסערט די פֿעלערן און פֿאַרקריפּלונגען, סיי לגבי דער יידישער קולטור און אירע טרעגער און סיי לגבי דער קולטור פֿון אַנדערע פֿעלקער און זייערע טרעגער, און סיי אויף אַנדערע געביטן.

די כאַראַקטעריסטישע און דעצידירנדיקע דערשיינונג אין דער סאָציאַליס־טישער געזעלשאַפֿט אין ראַטנפֿאַרבאַנד לגבי אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן איז די אינטעגראַציע. עס קומט פֿאָר אַ פּראָצעס פֿון איינפֿלעכטן זיך פֿון די יידן און אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין אַלגעמיינעם לעבן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד אַלס רעזולטאַט פֿון די אָביעקטיווע אַנטוויקלונגס־געזעצן פֿון דער סאָציאַליסטי־שער געזעלשאַפֿט. די אינטעגראַציע פֿון די יידן אין אַלגעמיינעם לעבן אין ראַטנפֿאַרבאַנד איז אַ נאַטירלעכער היסטאָרישער פּראָצעס, און ספּעציעל לגבי אַ באַפֿעלקערונג, וואָס איז הויפּטזעכלעך קאָנצענטרירט אין די גרויסע שטעט, אין וועלכע עס גייט צו שנעלער דער פּראָצעס פֿון פֿעלקער־צונויפֿמישונג.

וואָס שייך דער פֿראַגע פֿון יידישער קולטור־טעטיקייט אין יידיש, איז די פּרינציפּיעלע זייט אין דער דאָזיקער פֿראַגע, אַז אויף וויפֿל עס זיינען פֿאַראַן באַדערפֿענישן אויפֿן דאָזיקן געביט, דאַרף מען זיי באַפֿרידיקן. און דער ראַטנ־פֿאַרבאַנד טוט טאַקע אין איינקלאַנג מיטן דאָזיקן לעניניסטישן פּרינציפּ. די פֿאָרמען פֿון דער קולטור־טעטיקייט אין יידיש — דאָס איז אַ אינערלעכע פֿראַגע פֿון די סאָוועטישע מענטשן.

וואָס שייך דער פֿרייהייט פֿון רעליגיעזן קולט און דער באַפֿרידיקונג פֿון די באַדערפֿענישן פֿון דער יידישער רעליגיע, איז אויך וויפֿל ס׳זיינען פֿאַראַן אַזעלכע באַדערפֿענישן צווישן די סאָוועטישע יידן — איז אָפֿיציעל און פֿאַקטיש, גאַראַנ־טירט די קולט־פֿרייהייט פֿון דער יידישער רעליגיע און ס׳ווערן באַפֿרידיקט אירע באַדערפֿענישן גענוי, ווי דער ראַטנפֿאַרבאַנד האַנדלט לגבי אַלע אַנדערע רעליגיעס.

די ציוניסטישע אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע אין דער יידן־פֿראַגע איז אַ טייל פֿון דער אַלגעמיינער אַנטי־סאָציאַליסטישער פּאָליטיק פֿון די ציוניסטישע מנהיגים, וועלכע שטרעבן צו „באַפֿרייען״ די סאָוועטישע יידן פֿון סאָציאַליזם, גענוי ווי די אימפּעריאַליסטישע אינטערנאַציאָנאַלע רעאַקציע איז פֿאַראינטערעס־סירט צו „באַפֿרייען״ אַלע פֿעלקער פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד פֿון סאָציאַליזם. זי איז געווען און איז פֿאַרבליבן אַן אינטעגראַלער און וויכטיקער טייל פֿון דער קאַלטער מלחמה, וועלכע עס פֿירן די אימפּעריאַליסטישע צענטערס, פֿון דעם אידעאָלאָגישן אונטערגראָבערישן קאַמף קעגן די סאָציאַליסטישע לענדער.

די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע קעגן ראַטנפאַרבאַנד אין דער „יידן־פראַגע״ דערגייט אָפט צו אַזעלכע אַבסורדאַלע פאָרמען, אַז זי רופט אַרויס דעם ווידערווילן אַפילו מצד אויסגעשפּראָכענע אַנטי־סאָוויעטישע קרייזן.

אַלס ביישפּיל קען דינען דער קאַנאַדישער זשורנאַליסט, פּיטער ווערטינגהאַם, אַ קעגנער פון סאָוויעטישן רעזשים, וועלכער האָט במשך פון צוויי יאָר רעפּרע־זענטירט זיין צייטונג „טאָראָנטאָ־טעלעגראַם״ אין ראַטנפאַרבאַנד. ביים סוף פון 1967 האָט ער געשריבן אַן אַרטיקל אויף דער טעמע „יידן אין ראַטנפאַרבאַנד״, אין וועלכן מיר לייענען צווישן אַנדערן:

„כ׳בין איבעראַשט געוואָרן צוליבן פאַרנעם און טיפקייט פון דעם, וואָס זעט מיר אויס צו זיין ווי אַ קאָנצענטרירטע קאַמפּאַניע, וועלכע שטאַמט פון די ציוניסטישע עלעמענטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס איז אויסן צו פאַר־דאַמען דעם ראַטנפאַרבאַנד צוליב זיין כלומרשטן אַנטיסעמיטיזם...״

„די רוסן גרייפן אַן נישט דאָס יידנטום נאָר דעם ציוניזם — אין די פאַריי־ניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע איז שווער צו געפינען אַ צייטונג, וואָס זאָל מסכים זיין צו פאַרעפנטלעכן דעם אמת וועגן דעם מצב פון די יידן אין ראַטנ־פאַרבאַנד״.

„איך מוז מאַכן דעם אויספיר, אַז ווען כ׳וואָלט געפונען צעווילדעוועטן אַנטיסעמיטיזם אין ראַטנפאַרבאַנד, וואָלטן מיינע אַרטיקלען אויף דער טעמע זיכער זוכה געווען צו פאַרעפנטלעכט ווערן. איך פיל, אַז דאָס איז אַ ציוניסטישע השפּעה און נישט אַן איינפאַכער יידישער דרוק, וואָס צווינגט צו שילדערן אין דער פּרעסע אַן איינזייטיק בילד״.

פּיטער ווערטינגהאַם באַשולדיקט די ציוניסטן, אַז זיי זיינען פאַראינטערע־סירט אין יידן־פאַרפאָלגונגען אין ראַטנפאַרבאַנד:

„איך פאַרדעכטיק, אַז ס׳זיינען פאַראַן געוויסע יידן אין אויסלאַנד, וואָס וואָלטן בעסער געוואָלט זען געריכטעטע אַנטי־יידישע פאַרפאָלגונגען איידער אַ פּערמאַנענטן פּראָצעס פון אינטעגראַציע״.

אין די לעצטע יאָרן האָט די ישראל־רעגירונג אָנגענומען אַ ליניע פון אָפיציעלער אידענטיפיצירונג פון דער ישראלדיקער אויסערן־פּאָליטיק מיטן אידעאָלאָגישן קאַמף פון ציוניזם קעגן ראַטנפאַרבאַנד און אַנדערע סאָציאַליסטישע מדינות. אָפיציעלע פאָרשטייער פון דער ישראל־רעגירונג האָבן אָנגעהויבן אויסנוצן די אונ״א־טריבונע און אירע קאָמיסיעס, כדי אַרויסצוקומען מיט העץ־רעדעס קעגן ראַטנפאַרבאַנד און אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער. די ישראל־רעגירונג פּרעטענדירט צו רעפּרעזענטירן די יידן פון דער גאַנצער וועלט און פאָדערן פאַר זיך דאָס רעכט אַריינצומישן זיך אין די אינערלעכע ענינים פון די סאָציאַליסטישע מדינות. די דאָזיקע ליניע האָט נישט ווייניק בייגעשטייערט צום צעשטערן די באַציאונגען צווישן ישראל און דעם ראַטנפאַרבאַנד און אַנדערע סאָציאַליסטישע מדינות.

די ציוניסטישע פּראָ־אימפּעריאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך פאַרשטאַרקט נאָך דער יוני־מלחמה אין 1967, עס האָבן זיך אָבער פאַרקלענערט אירע דער־פאָלגן. נאָך דער יוני־מלחמה איז שוין די עפנטלעכע מיינונג אין דער גאָרער

וועלט בעסער אינפאָרמירט וועגן דער באַציאונג פון די ישראלדיקע הערשער — די פּאַנען־טרעגער פון ציוניזם — צו דער אַראַבישער באַפעלקערונג, צו די אַראַבישע פּליטים, צו דער פראַגע פון פאַרייניקן זייערע פאַמיליעס.

די ציוניסטישע פּראָ־אימפּעריאַליסטישע פּראַקטיק האָט באַקומען אַ נייע דימענסיע אין דער קאָאָפּעראַציע פון די ישראלדיקע רעגירער מיט די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן, אין זייער נעאָ־קאָלאָניאַליסטישער פּאָליטיק.

אין זיין בוך „די נייע מדינות אין אַזיע" שרייבט דער אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר מיכאל ברעכער וועגן די מקורות פון דער ישראלדיקער אַריינדרינגונג קיין אַפריקע:

„איינער פון די מקורות איז די שטרעבונג צו דינען ווי אַ בריק צווישן די געוועזענע קאָלאָניאַלע גרויסמאַכטן פון מערב און די אַמאָליקע אָפּהענגיקע טעריטאָריעס. דער פאַקט, וואָס ישראל פאַרמאָגט די מערבדיקע פאַכמענישקייט אָן דעם שאַנד־צייכן פון דעם קאָלאָניאַליזם, דערמעגלעכט ישראל אויסצופירן אַ שליסל־אויפגאַבע ביים ריכטן די שטיצע פון מערב, וואָס וואָלט געקענט זיין פאַרדעכטיקט, אויב זי וואָלט דירעקט צוגעטיילט געוואָרן" (ז' 147).

דאָס פאָלק פון ישראל איז פאַראינטערעסירט אין פריינטשאַפטלעכע פאַרבינדונגען און קאָאָפּעראַציע מיט די פעלקער פון אַזיע, אַפריקע און לאַטיין־אַמעריקע, אָבער נישט אַלס אַפּצווייג פון נעאָ־קאָלאָניאַליזם, נאָר ווי אַ זעלבשטענדיקער פאַקטאָר פון שלום, אומאָפּהענגיקייט און סאָציאַלן פּראָגרעס.

די ציוניסטישע באַוועגונג איז נישט קיין באַוועגונג פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג

דער אַנאַליז פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע און איר פּאָליטיק באַווייזט, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג, מיט אַלע אירע צאָלרייכע אָרגאַניזאַציעס, איז נישט קיין באַוועגונג פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, נאָר אַ פּאָליטישע, רעאַקציאָנערע, נאַציאָנאַליסטישע שטרעמונג, איינער פון די וויכטיקסטע אינסטרומענטן פון דער יידישער בורזשואַזיע, וואָס ווערט אויסגענוצט דורכן אימפּעריאַליזם אין זיין קאַמף קעגן די דריי רעוואָלוציאָנערע כוחות פון אונדזער צייט.

דער פּרוּווסטייך פאַר אַ נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־באַוועגונג איז די באַציאונג צום אימפּעריאַליזם, צום אַנטי־אימפּעריאַליסטישן קאַמף.

די ציוניסטישע באַוועגונג איז נישט קיין באַוועגונג פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, ווייל איר פּראָגראַם און פּראַקטיק זיינען נישט אַנטי־אימפּעריאַליסטישע, נאָר באַזירטע אויף קאָאָפּעראַציע מיטן אימפּעריאַליזם:

1) אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער קאָאָפּערירט די ציוניסטישע באַוועגונג מיט דער גרויס־בורזשואַזיע פון יענע לענדער קעגן דער קאָמוניסטישער, רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג און פּרעדיקט אָפּצורייסן די יידישע האַרע־

פאַשנע מאַסן פון זייערע קלאַסן־ברידער, פונעם קאַמף פאַר ענדערן דעם רעזשים, פאַר סאָציאַליזם.

2) אין מיטעלן מזרח דינט די ציוניסטישע באַוועגונג, זינט דער תקופה פון דער טערקישער הערשאַפט און שפּעטער דער ענגלישער און ביזן היינטיקן טאָג — אַלס געטרייער פאַרבינדעטער פון פאַרשיידענע אימפּעריאַליסטן אין זייער קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־באַוועגונג פון די אַראַבישע פעלקער, אין קעגנזאַץ צו די אמתדיקע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון ישראל־פאָלק.

3) אין ישראל איז געריכטעט די ציוניסטישע באַוועגונג קעגן די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, פאַר אָפּזונדערן די יידישע ארבעטער פון די אַראַבישע אַרבעטער. זי קולטיווירט אומצוטרוי צווישן זיי און פאַרשפּרייט שאָוויניזם און נאַציאָנאַלע גרויסהאַלטונג. אין ישראל איז געריכטעט די ציוניסטישע באַוועגונג קעגן דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון ישראל־פאָלק גופא פון די קייטן פון פרעמדן קאַפּיטאַל און פון דער אָפּהענגיקייט פון אימפּעריאַליזם און זי פירט אַ פּאָליטיק פון טעריטאָריאַלער עקספּאַנסיע ביי דער מיטהילף פון אימפּעריאַליזם.

4) דער ציוניזם דינט אַלס איינער פון די אינסטרומענטן פון אימפּעריאַליזם אין זיין גלאָבאַלן קאַמף און אין זיין אידעאָלאָגישער און פּאָליטישער אונטערגראָבונג קעגן ראַטנפאַרבאַנד און דעם גאַנצן אַלוועלטלעכן סאָציאַליסטישן סיסטעם מיטן צוועק צו צעטרייסלען די סאָציאַליסטישע רעזשימען פון אינעווייניק.

5) אין אַזיע, אין אַפריקע און אין לאַטיין־אַמעריקע קומט די ציוניסטישע באַוועגונג צוהילף דער נעאָ־קאָלאָניאַליסטישער טעטיקייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, מערב־דייטשלאַנד, ענגלאַנד און אַנדערע אימפּעריאַליסטישע מדינות.

די ציוניסטישע באַוועגונג, איז, אַלזאָ, נישט קיין נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־באַוועגונג, ווייל זי שטעלט זיך נישט פאַר אַ ציל צו באַפרייען אַ פאָלק אָדער לאַנד פון פרעמדער הערשאַפט. זי איז בכלל נישט קיין נאַציאָנאַלע באַוועגונג, נאָר אַ פּאָליטישע רעאַקציאָנערע באַוועגונג פון דער יידישער בורזשואַזיע. גענוי ווי ס'איז נישט פאַראַן קיין „אַלוועלטלעכע עקסטעריטאָריאלע יידישע נאַציע", אַזוי איז נישט פאַראַן קיין אַלוועלטלעכע עקסטעריטאָריאלע נאַציאָנאַלע באַוועגונג. זי איז אויך נישט קיין נאַציאָנאַלע ישראלדיקע באַוועגונג. זי טוט קעגן דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון ישראל־פאָלק פון דער אָפּהענגיקייט פון אימפּעריאַליזם, זי קאָאָפּערירט מיט די קאָלאָניאַלע גרויסמאַכטן קעגן די אַנטי־אימפּעריאַליסטישע באַוועגונגען פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג אין מיטעלן מזרח און אין אַנדערע ראַיאָנען.

ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט די ציוניסטישע באַוועגונג געווירקט אין באַדינגונגען פון אַ קאַפּיטאַליסטישן רעזשים. אירע עיקרדיקע טעטיקייט איז באַשטאַנען אין אָפּרייסן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן פון אַלגעמיינעם קאַמף פון אַלע אַרבעטנדיקע פאַר דער פאַרטיידיקונג פון זייערע טאָג־טעגלעכע אינטערעסן און פאַרן סאָציאַליזם. אַזוי אַרום האָט דער ציוניזם געדינט די קאַפּיטאַליסטן און גוט־באַזיצער אין צאַרישן רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער. אין זיינע שריפטן האָט זיך טאַקע לענין באַצויגן צום ציוניזם פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט.

דאָס גייע באַשטייט אין דעם, וואָס צוגאָבלעך צו דעם, וואָס ער דינט די עקספּלאָאַטאַרישע קלאַסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, פּילט דער ציוניזם איצט אויס אַ וויכטיקע אויפגאַבע אין דער גלאָבאַלער פּאָליטיק פון אימפּעריאַליזם, אַלס אינסטרומענט אין זיין קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער אַראַבישער אַנטי־אימפּעריאַליסטישער באַוועגונג, קעגן די סאָציאַליסטישע מדינות און אין דורכפירן זיין נעאָ־קאָלאָניאַליסטישע פּאָליטיק. דער ציוניזם ביים היינטיקן טאָג איז די הערשנדיקע אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק אין אַ סוווערענע מדינה אין ישראל. ער איז די בשותפותדיקע באַזע פאַר אַלע פּאַרטייען פון דער רעגירונגס־קאָאַליציע — פון „חרות" ביז מפ"ם. די דאָזיקע פּאַרטייען זיצן איצט צוזאַמען אין דער רעגירונג פון „נאַציאָנאַלער קאָנצענטראַציע" אויף דער באַזע פון דער יוני־מלחמה, אויף דער באַזע פון די ציוניסטישע צילן פון טעריטאָריאַלער עקס־פּאַנסיע און דינסט דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם.

מדינת ישראל און דער ציוניזם

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה שטיצן זיך די ציוניסטישע מנהיגים אויפן ביטערן גורל פון די יידישע מאַסן אין אייראָפּע אין דער תקופה פון דער נאַצי־הערשאַפט אַנטקעגן דער רעטונג פון די יידן אין ארץ־ישראל, ווי אַ באַווייז פאַר דער ריכטיקייט פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע. אַזאַ אויספיר האָט ניט קיין שום היסטאָרישע אָדער וויסנשאַפטלעכע לאָגיק.

ערשטנס, איגנאָרירן די ציוניסטישע טוער דעם פאַקט, אַז אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען יידן זיינען פאַרטיליקט געוואָרן דורך די נאַציס, האָבן דאָס סאָוויעטישע מיליטער און די סאָוויעטישע פעלקער געמאַכט ספּעציעלע אָנשטרענ־גונגען, כדי אָפּצוראַטעווען יידן און אַנדערע קרבנות פון דייטשישן פאַשיזם. און ווירקלעך זיינען מאַסן יידן אין אייראָפּע אַדאַנק דעם אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. דאָס נישט־עפנען אַ צווייטן פראָנט מצד די מערב־גרויסמאַכטן ביזן יאָר 1944, צוליב אַנטי־סאָוויעטישע אויסרעכענונגען, — האָט געגעבן די נאַציס די מעג־לעכקייט פאַרצוזעצן זייער פאַרטיליקונגס־אַרבעט.

צווייטנס, פאַרזעען זיי דעם פאַקט, אַז דער נאַציזם, וואָס האָט זיך אַכזריותדיק באַצויגן ספּעציעל צו יידן און אומגעבראַכט זעקס מיליאָן פון זיי — האָט אויך אומגעבראַכט פיל מיליאָנען פון אַנדערע פעלקער און ספּעציעל סלאַוון, אין אָקופּירטן געביט, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אין די גאַז־קאַמערן. פון דאַנען איז געדרונגען, אַז די פאַשיסטישע ראַסן־טעאָריע איז נישט געווען בלויז און אויסשליסלעך אַן אַנטיסעמיטישע.

דריטנס, נעגירן זיי דעם קלאַסנאַרטיקן און פּאָליטישן כאַראַקטער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פאַרטיליקונג. מיליאָנען יידן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן, ווייל דער קאַפּיטאַליזם אין זיין אימפּעריאַליסטישער פאַזע האָט אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער געבוירן דעם פאַשיזם, וועלכער איז אַן אָפענע טעראָ־

ריסטישע דיקטאַטור, אַ ביז גאָר שאָוויניסטישע און ברוטאַלע, פון פינאַנס־קאַפּיטאַל, פון אימפּעריאַליזם. די יידן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן, ווייל דער פאַשיזם האָט באַהערשט דייטשלאַנד און אַ גאַנצע ריי אַנדערע לענדער אין אייראָפּע און נישט, ווי עס טענהן די ציוניסטישע אידעאָלאָגן, ווייל די יידן זיינען נישט רעכטצייטיק עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

דער היסטאָרישער אמת איז, אַז די יידן אין ארץ־ישראל, אין דער תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיינען נישט געווען זיכער מיט זייער גורל מער ווי די יידן פון אייראָפּע. דאָס נאַציסטישע מיליטער האָט אויך אָנגעגריפן אין צפון־אַפריקע, שוין געהאַט אַריינגעדרונגען קיין מצרים און האָט אויך געקענט דערגרייכן קיין ארץ־ישראל. אין אַזאַ פאַל וואָלט דער גורל פון יידישן יישוב געווען אַן אַנטשיידענער. די נאַציס וואָלטן אומגעבראַכט די יידן אין ארץ־ישראל גענוי ווי זיי האָבן דאָס געטאָן אין אייראָפּע. צום גליק, האָט זיך די נאַציס נישט איינגעגעבן אַריינצומאַרשירן קיין ארץ־ישראל, און דאָס האָט פּאַסירט נישט ווייל זיי האָבן זיך גערעכנט מיטן הייליקן לאַנד, אָדער מיט דער ציוניסטישער קמיע פון די פירער פון יידישן יישוב. די נאַציס האָבן נישט געקענט אַריינמאַרשירן קיין ארץ־ישראל, ווייל די סאָוועטישע רויטע אַרמיי האָט רעכטצייטיק באַוויזן, נישט לאַנג פאַר דער 12טער שעה (פון שטאַנדפּונקט פון דער סכנה פון דער נאַצישער אינוואַזיע קיין א״י), צו צעברעכן דעם נאַקן פון היטלערס אַרמיי אין סטאַלינגראַד, צו צווינגען דאָס מיליטער פון נאַצי־דייטשלאַנד דרינגענד אַריבערצופירן מיליטערישע פאַרשטאַרקונג פון צפון־אַפריקע אויפן סאָוועטישן פראָנט.

פונדאַנען איז געדרונגען, אַז מען טאָר נישט מאַכן קיין שום ציוניסטישן אויספּיר פונעם פאַקט פון אָפּראַטעווען דעם יידישן יישוב אין ארץ־ישראל אין דער תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די רעטונג פון דעם יידישן יישוב אין ארץ־ישראל אין דער תקופה פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — שטאַרקט נאָך מערער די מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע טעזע, אַז די רעטונג פאַר יידן פון פאַרפאָלגונגען, פון דיסקרימינאַציע און פון פאַרטיליקונג, ליגט אין דער פאַר־שטאַרקונג און אינעם נצחון פון סאָציאַליזם, פון קאָמוניזם.

דער אויפקום פון מדינת ישראל אין יאָר 1948 און די דערפאַרונג פון איר 20־יאָריקער עקזיסטענץ, באַווייזן, אַז מדינת ישראל לייזט נישט און איז נישט אימשטאַנד צו לייזן די יידן־פראַגע אין די לענדער, ווו עס הערשט דער קאַפּיטאַל. מדינת ישראל איז אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פון געוויסע היסטאָרישע פּראָצעסן אין אייראָפּע און אין מיטעלן מזרח.

אין ארץ־ישראל האָט זיך אַנטוויקלט אַ יידישע נאַציע אין די ספּעציעלע באַדינגונגען, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן אין לאַנד אין די יאָרן פון דער קאָלאָניאַלער בריטישער הערשאַפט:

1) דער יידישער יישוב איז געוואַקסן און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דריטל פון די איינוווינער פון ארץ־ישראל.

2) דער יידישער יישוב איז געשטאַנען אין צענטער פון דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג פון לאַנד.

אין די באַדינגונגען פון מאַנדאַטאָרישן פּאַלעסטינע (א״י), אַ קליין לאַנד, אַ ווייניק־באַפעלקערט און צוריקגעשטאַנען לאַנד פון עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, איז די אימיגראַציע פון עטלעכע הונדערט טויזנט יידן, די מערהייט פון זיי אַנטלאָפענע פון די נאַציס אין די אָקופּירטע לענדער אין אייראָפּע, און פון דער אַנטוויקלונג פון אַן אינדוסטריע וואָס האָט באַשעפטיקט צענדליקער טויזנטער אַרבעטער — געווען אימשטאַנד צו ענדערן דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון לאַנד, און פאַרוואַנדלען דאָס לאַנד פון אַ לאַנד מיט איין נאַציאָנאַליטעט (אַן אַראַביש) מיט אַ נאַציאָנאַלער מינדערהייט (אַ יידישע), אין אַ לאַנד פון צוויי נאַציאָנאַליטעטן.

אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער וועזנטלעכער ענדערונג אין נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון לאַנד, האָט אונדזער קאָמוניסטישע פּאַרטיי, באַלד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, פאָרמולירט אַ נייעם פּראָגראַם פאַר דער לייזונג פון דער ארץ־ישׂראל־פראַגע אויף דער באַזע פון אנערקענען דאָס רעכט פון ביידע פעלקער פון א״י, דאָס יידישע און אַראַבישע, אויף זעלבסטבאַשטימונג און באַ־פרייאונג פון פרעמדער הערשאַפט.

דעם 29־טן נאָוועמבער 1947 האָט די אונ״א־אַסאַמבלעי אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן אַנולירן דעם בריטישן מאַנדאַט און עוואַקויִרן דאָס בריטישע מיליטער פון א״י, און וועגן אויפשטעלן צוויי זעלבשטענדיקע מדינות אין א״י, אַ יידישע און אַן אַראַבישע.

אין דער ווירקלעכקייט איז אָבער בלויז רעאַליזירט געוואָרן דאָס רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג פון יידישן פאָלק אין א״י און ס'איז געשאַפן געוואָרן מדינת ישׂראל. די נאַציאָנאַלע רעכט, אָבער, פון אַראַבישן פּאַלעסטינעזישן פאָלק זיינען נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן און זענען פון אים צוגערויבט געוואָרן ביזן היינטיקן טאָג.

די פאַרגאַנגענע תקופה זינט דעם אויפקום פון מדינת ישׂראל האָט באַוויזן, אַז די ציוניסטישע פּאָליטיק פאַרשאַפט אויך שאָדן דער יידישער נאַציע, וואָס אַנטוויקלט זיך אין ישׂראל. די ציוניסטישע פּאָליטיק פון די ישׂראל־רעגירונגען האָט באַדראָט און האַלט ווייטער אין איין באַדראָען די צוקונפט פון מדינת ישׂראל. די פּאָליטיק פון אויסברייטערן די גרענעצן ביי יעדער געלעגנהייט, ביי דער מיטהילף פון די אימפּעריאַליסטן, דערלאָזט נישט צו דערפירן צו אַ גערעכטער שלום־ רעגולירונג צווישן ישׂראל און די אַראַבישע לענדער און דאָס איינוואָרצלען זיך פון מדינת ישׂראל אַלס מדינה, וואָס זאָל זיין אנערקענט דורך אַלע פעלקער פונעם דאָזיקן ראַיאָן.

דאָס פּראָבלעם פון די יידן אין ישׂראל און פון אַלע איינוווינער פון ישׂראל — באַשטייט אין באַפרייען זיך פון דער אָפּהענגיקייט פון פרעמדן קאַפּיטאַל און פון די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן, אין דערגרייכן דעם שלום מיט די שכנותדיקע אַראַבישע מדינות אויף דער באַזע פון קעגנזייטיקן רעספּעקטירן די רעכט, איינשליסלעך דאָס אנערקענען די נאַציאָנאַלע לעגיטימע רעכט פון אַראַבישן פּאַלעסטינעזישן פאָלק, און אין דער ערשטער ריי די רעכט פון די אַראַבישע

פליטים, און דאָס אָנערקענען די עקזיסטענץ פון מדינת ישראל און אירע נאַציאָנאַלע רעכט, איינשליסלעך פרייהייט פון שיפן־פאַרקער.

די נאַציאָנאַלע פּאַטריאָטישע פּאָליטיק, פאַר וועלכער עס קעמפט אונדזער ישראלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי — בלויז זי איז מסוגל צו גאַראַנטירן זיכער־קייט, שלום און אויפבליאונג פאַרן ישראל־פאָלק און פאַר מדינת ישראל אין אונדזער ראַיאָן, און די פריינטשאַפט מצד די אַראַבישע פעלקער, וועלכע קעמפן פאַר זייער פולער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און פאַר סאָציאַלער באַפרייאונג.

דער אויפקום פון מדינת ישראל האָט נישט געבראַכט מיט זיך קיין שום ענדערונג אינעם מצב פון די יידן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דער מצב פון די יידן אין די לענדער, ווו עס הערשט דער קאַפּיטאַל, גענוי ווי דער מצב פון אַנדערע מינדערהייטן, איז תמיד געווען אָפּהענגיק פון דער מאָס פון דער דעמאָקראַטיע אין געגעבענעם לאַנד, פון די אינערלעכע כוחות־פאַרהעלטנישן און פון איר אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע. און אַזוי איז אויך היינטצוטאָג. אין פאַל פון אויפשטעלן אַ פאַשיסטישן רעזשים, אין די פאַראייניקטע שטאַטן למשל, און די פאַרשטאַרקונג פון איר אַגרעסיווער פּאָליטיק כלפי חוץ — קענען קומען, צוגאַבלעך צו די אַנטי־נעגערישע ווילדע אויסברוכן, אויך אַנטי־יידישע ביז גאַר הארבע ווילדע אויסברוכן.

אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע און אין אַנדערע קאַפּיטאַליס־טישע לענדער עקזיסטירן האַרבע דערשיינונגען פון אַנטיסעמיטיזם.

דער פאַשיזם איז נישט געווען און איז נישט קיין אויסשליסלעכע דייטשישע דערשיינונג. ער איז עלול צו אַנטשטיין אין נאָך לענדער, ווו ביי דער מאַכט געפינט זיך דער פינאַנס־קאַפּיטאַל, אין צייטן פון אינערלעכע און אינטערנאַציאָנאַלע קריזיסן.

פון דאַנען איז דער אויספיר: גענוי ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט איז נישט געווען קיין אנדערע פונדאַמענטאַלע לייזונג פאַר דער יידן־פראַגע, ווי נאָר אין סאָציאַליזם — אַזוי אויך איצט. דער קאַפּיטאַליזם, דער אימפּעריאַליזם זיינען נאַטירלעכערווייז מסוגל צו געבוירן און זיי פאַראורזאַכן טאַקע דעם געבורט פון אַנטיסעמיטיזם און אַנדערע אויסדרוקן פון ראַסן־טעאָריע, ראַסיסטישע פּאָגראָמען און אַפילו פעלקער־פאַרטיליקונג.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די סאָציאַליסטישע לייזונג איז נישט קיין לייזונג פאַר די יידישע מיליאָנערן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, אין ענגלאַנד און אין אַנדערע לענדער, וועלכע ווילן ליבערשט אַנטי־סעמיטיזם און יידן פאַרפאָלגונגען אונטער אַ קאַפּיטאַליסטישן רעזשים איידער סאָציאַליזם. דער סאָציאַליזם, אָבער, איז די פונדאַמענטאַלע לייזונג און די פולע באַפרייאונג פאַר די אַרבעטנדיקע יידישע מאַסן אין יעדן לאַנד.

די עקזיסטענץ פון אַ סאָציאַליסטישע וועלט־סיסטעם, די ענדערונג פון די כוחות־פאַרהעלטנישן אין דער וועלט לטובת די כוחות פון שלום און סאָציאַליזם — זיי צוימען די כוחות פון פאַשיזם און מלחמה אומעטום, זיי גיבן די האָפענונג און שאַפן די פּערספּעקטיוו, די היסטאָרישע מעגלעכקייט, אַז ס׳וועט אויסגעמיטן

ווערן אַ דריטע וועלט־מלחמה, אַז ס׳וועלן געצוימט ווערן די כוחות פון פאַשיזם אומעטום ווו עס זאָל נאָר נישט זיין.

די גרוילן פון פעלקער־מאָרד מצד די אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן אין וויעטנאַם, דאָס אומברענגען הונדערטער טויזנטער קאָמוניסטן און דעמאָקראַטן אין אינדאָנעזיע און אנדערע דערשיטערנדיקע פאַקטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער „פרייער וועלט״ — באַווייזן ביז גאָר בולט, אַז דער אימפּעריאַליזם איז פעאיק אויף יעדן באַרבאַריזם, און אפילו איבערחזרן אין נייע פאָרמען די פאַרברעכנס פון די נאַציס.

די היסטאָרישע דערפאַרונג באַווייזט דעריבער, אַז ס׳איז נישט פאַראַן קיין אַנדערע גאולה פאַר די יידישע האָרעפאַשניקעס, פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, נאָר און אויסשליסלעך אין אַ בשותפותדיקן קאַמף מיט די אַרבעטנדיקע אין זייערע וווין־לענדער פאַר גלייכבארעכטיקונג און סאָציאַליזם, וועלכער גאַראַנטירט גלייכהייט און פרייהייט פאַר אַלע פעלקער.

אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זיינען די יידן היינט אויסגעשטעלט אויף די זעלבע געפאַרן, וועלכע האָבן זיי געדראָט פאַרן אויפקום פון מדינת ישראל. דאָס נייע באַשטייט אין דעם, וואָס ס׳האָבן זיך פאַרשטאַרקט די אויסזיכטן צו פאַרמיידן אַ נייע וועלט־מלחמה און אַ נייעם חורבן. דער דאָזיקער נייער מצב האָט זיך געשאַפן אַ דאַנק דער אַנטשטייאונג און פאַרפעסטיקונג פון דער סאָציאַ־ליסטישן וועלט־סיסטעם, וועלכער צוימט מיט זיין עצם־עקזיסטענץ און מיט זיין מעכטיקן כוח די אַלע שוואַרצע און שאָוויניסטישע כוחות אין דער גאָרער וועלט, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם איז איינער פון זייער געווער.

די ציוניסטישע אידעאָלאָגן אידענטיפיצירן ישראל מיטן ציוניזם, גענוי ווי זיי אידענטיפיצירן די יידן מיט די ציוניסטן. אין זייער ברייטער פּראָפּאַגאַנ־דיסטישער קאַמפּאַניע שילדערן זיי פאַר דער עפנטלעכער מיינונג די ענינים אויף אַזאַ אופן, אַז ס׳זאָל זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז ווער ס׳איז קעגן דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע, דער ציוניסטישער פּאָליטיק און דער פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג — ווערט מיט דעם פאַרוואַנדלט אין אַן אַנטי־ישראלי און אַפילו אין אַן אַנטיסעמיט. מיט דער הילף פון אַזאַ דעמאַגאָגישער פעלשונג באַמיען זיך די ציוניסטישע מנהיגים איינצושטילן יעטוועדע קריטיק אויף דער רעגירונגס־פּאָליטיק אין ישראל גופא און יעטוועדע קריטיק אויף דער פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג און אויף דער אַלגעמיינער ציוניסטישער פּאָליטיק אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע — אַלס אַנטיסעמיטישע, אַנטי־ישראלדיקע שטעלונג א.א.וו.

אויף אַ ביז גאָר ציניש אופן נוצן אויס די ציוניסטישע מנהיגים און די ישראל־רעגירונג — די שוידערלעכע ליידן פון יידישן פאָלק בעת דער היטלער־תקופה, די מאַסן־פאַרטיליקונג, וועלכע האָט נישט געהאַט אירס גלייכן אין דער געשיכטע, פון מיליאָנען יידן אין די נאַציסטישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן און גאַז־קאַמערן — כדי צו פאַרמיידן קריטיק אויף דער פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג און אויף דער אַלגעמיינער ציוניסטישער פּאָליטיק.

אויב שלום און דעמאָקראַטיע־כוחות, אויב מענטשן מיט געוויסן, מיט

פריינטשאַפטלעכע געפילן כלפּי די יידישע פאָלקס־מאַסן, טרעטן אַרויס קעגן די אַגרעסיווע מלחמות, וועלכע די ישראל־רעגירונג האָט אָנגעצונדן אין 1956 און אין 1967, אַלס אַזעלכע, וואָס באַדראָען דעם וועלט־שלום, וואָס קענען גורם זיין אַ קאַטאַסטראָפע פאַרן פאָלק פון ישראל גופא — העצן קעגן זיי די ציוניס־טישע מנהיגים און פירן קעגן זיי אַ גרויל־פּראָפּאַגאַנדע לויטן נוסח: „איר ווילט פאַרענדיקן די אַרבעט פון אַדאָלף היטלער!״

דאַרף מען דעריבער זאָגן קלאָר און אויף אַן אומצווייַדייטיקן אופן, אַז מען טאָר נישט אידענטיפיצירן מדינת ישראל מיטן ציוניזם און די יידן — מיט די ציוניסטן. דער ציוניזם איז אַ אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע בורזשואַזע רעאַק־ציאָנערע שטרעמונג אינעם יידישן פאָלק, אַ שטרעמונג, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער רעאַקציע און וועלכע פאַרשאַפט דעם גרעסטן שאָדן דעם פאָלק פון ישראל, די יידישע הערשאַפטס־ניקעס און די יידישע יישובים אין דער גאָרער וועלט.

די עקזיסטירנדיקע אַלזייטיקע קאָאָפּעראַציע צווישן די ישראל־רעגירער און די נעאָ־נאַצישע הערשער פון מערב־דייטשלאַנד — דאָס איז נאָך אַ צוגאָב־לעכער באַווייז, אַז די ציוניסטישע מנהיגים דריקן נישט אויס די אמת׳ע אינ־טערעסן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן און פון ישראל־פאָלק.

עס איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט פון קאָאָפּעראַציע צווישן יידישע אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשיידענע לענדער אויף דער באַזע פון פּראָגרעסיווע צילן, ווי דער קאַמף פאַר שלום, קעגן אַנטיסעמיטיזם און דער ווידעראויפלעבונג פון נאַציזם אין מערב־דייטשלאַנד און נאָך.

אַ טייל פון די פאָלקס־מאַסן פון די יידישע יישובים, און ספּעציעל אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, פאַלט אַרונטער אונטער דער ציוניסטישער השפעה און אין רעזולטאַט פון דעם אידענטיפיצירן זיי די אונטערשטיצונג פאַר דער פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג מיט דער שטיצע פאַרן פאָלק פון ישראל און פאַר די יידישע אינטערעסן. זיי האַלטן פאַר נויטיק צו אידענטיפיצירן זיך מיט יעדן אָפיציעלן ישראלדיקן שריט, אפילו מיט אַזעלכע זאַכן, וואָס אין באַצוג צו זיי וואָלט זיך געבונטעוועט זייער מענטשלעכער עלעמענטאַרער גערעכטיקייטס־געפיל, אויב זיי וואָלטן אָנגעוואַנדן געוואָרן לגבי וועלכן נישט איז יידישן יישוב.

די דאָזיקע יידן שטעלן זיך אפילו נישט פאַר, אַז דורך דעם, וואָס זיי דער־מוטיקן די פּאָליטיק, וועלכע פאַרטיפט דעם תהום צווישן פאָלק פון ישראל און די אַראַבישע פעלקער, וועלכע איזאָלירט ישראל פון דער סאָציאַליסטישער וועלט פון די פעלקער פון אַזיע און אַפריקע, פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבע־טער־באַוועגונג אין דער גאָרער וועלט — פאַרשאַפן זיי שאָדן ישראל.

אין פאַרשיידענע לענדער איז פאַראַן ביי נישט ווייניק יידן אַ ספּעציעלע באַציאונג צו ישראל און זיי ווילן איר גוטס און זיכערקייט.

די קאָמוניסטן אין פאַרשיידענע לענדער נעמען דאָס אין באַטראַכט און זיי טוען אַלץ, כדי צו ריכטן די דאָזיקע באַציאונג אין אַ פּאָזיטיווער ריכטונג, אין דער ריכטונג פון שטיצן די פּראָגרעסיווע כוחות אין ישראל אין זייער קאַמף קעגן דער פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג און פון די ציוניסטישע מנהיגים, וואָס טראָגט

אין זיך געפֿאַרן פֿאַר ישראל און שעדיקט דעם אַלגעמיינעם קאַמף אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע קעגן דער געפֿאַר פֿון מלחמה און פֿאַשיזם — אַ קאַמף, וואָס איז ביז גאָר אין די לעבנסוויכטיקע אינטערעסן פֿון די יידישע מאַסן אומעטום, ווו זיי זאָלן זיך נאָר נישט געפֿינען.

דער קאַמף קעגן דער פּראָ־אימפּעריאַליסטישער, ציוניסטישער פּאָליטיק פֿון די ישראלדיקע מאַכט־האָבער — דאָס איז אַ קאַמף פֿאַר די אינטערעסן פֿון פֿאָלק פֿון ישראל, פֿאַר אַן אַנדערער מדינת ישראל, פֿאַר דער פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון איר אינטערנאַציאָנאַלער פּאָזיציע און די גאַראַנטירונג פֿון איר צוקונפֿט.

די נישט־וויסנשאַפֿטלעכע און אומבאַגרינדעטע אידענטיפֿיצירונג פֿון ישראל מיטן ציוניזם ווערט אויך אויסגענוצט אין דער פּראָפּאַגאַנדע פֿון די אַראַבישע שאָוויניסטן. אויפֿן גרונט פֿון דער דאָזיקער פֿאַלשער אידענטיפֿיצירונג באַמיען זיך אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן צו באַווייזן, אַז מדינת ישראל האָט נישט קיין רעכט אויף עקזיסטענץ.

דער פֿאַקט, וואָס במשך פֿון דער 20־יאָריקער עקזיסטענץ פֿון מדינת ישראל האָבן אין איר געהערשט ציוניסטישע רעאַקציאָנערע רעגירונגען, וועלכע האָבן געפֿירט טעריטאָריאַלע עקספּאַנסיע און געדינט דעם אימפּעריאַליזם אין זיין קאַמף קעגן דער אַראַבישער נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונגס־באַוועגונג — דער דאָזיקער פֿאַקט באַרעכטיקט נישט די אידענטיפֿיצירונג פֿון ישראל־פֿאָלק מיט דער פּאָליטיק פֿון די ישראל־רעגירונגען. מען דאַרף אונטערשיידן צווישן די אָביעקטיווע אינטערעסן פֿון ישראל־פֿאָלק און דער פּאָליטיק פֿון דער ישראל־רעגירונג.

נאָך מערער, שאָוויניסטישע דעקלעראַציעס מצד אַראַבישע קרייזן, וועלכע נעגירן די עצם עקזיסטענץ־רעכט פֿון מדינת ישראל מיט דער מאָטיווירונג, אַז דאָס איז אַ ציוניסטישע מדינה — העלפֿן בלויז צו די רעגירנדיקע קרייזן אין ישראל און פֿאַרשאַפֿן שווערינקייטן די פּראָגרעסיווע כוחות אין ישראל, וועלכע טוען פֿאַר באַפֿרייען די פֿאָלקס־מאַסן פֿון דער השפּעה פֿון דער הערשנדיקער פּאָליטיק.

פֿירנדיק אַן אידעאָלאָגישן קאַמף קעגן דעם ציוניזם, פֿירט אונדזער ישראל־דיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַ קאַמף פֿאַר באַפֿרייען די אַרבעטנדיקע מאַסן אין ישראל פֿון שאָוויניזם, פֿאַר אַרויספֿירן זיי אויפֿן הויפּט־טראַקט פֿון אַ וויסנשאַפֿט־לעך־סאָציאַליסטישער וועלט־אנשויאונג און פֿון אַ פּאָליטיק, וואָס איז אין אייני־קלאַנג מיט די אינטערעסן פֿון די ישראלדיקע אַרבעטנדיקע מאַסן, מיט די אמתע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פֿון ישראל־פֿאָלק, ווי אויך מיט די אינטערעסן פֿון די אַרבעטנדיקע יידישע מאַסן אין דער גאַנצער וועלט.

★

ווען מיר רעדן וועגן דער ציוניסטישער באַוועגונג מיינען מיר נישט בלויז די אָרגאַניזאַציע, וועלכע טראָגט דעם נאָמען „אַלוועלטלעכע ציוניסטישע באַוועגונג" און אירע סוב־אָרגאַניזאַציעס, נאָר אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווערן איינ־סטרויִרט לויט דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק.

די אַלוועלטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מאַכט איצט דורך אַן אָרגאַניזאַ־

ציאָנעלן קריזיס, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון אידעאָלאָגישן און פּאָליטישן קריזיס, וועלכן עס מאַכט איצט דורך דער ציוניזם. וואָס מערער עס פאַרגרעסערט זיך די השפעה פון סאָציאַליזם אויף דער וועלט, וואָס מערער עס פאַלט דער פּרעס־טיזש פון אימפּעריאַליזם — אַלץ מערער פאַרטיפט זיך אויך דער קריזיס, וואָס עס מאַכט דורך דער ציוניזם. עס וועט אָבער זיין אַ פעלער נישט צו זען, אַז דער ציוניזם פאַרמאָגט נאָך אַ גרויסע אידעאָלאָגישע השפעה. אין ישראל איז דאָס די הערשנדיקע אידעאָלאָגיע און אויך אין פיל יידישע יישובים האָט זי אַ קענטיקע השפעה.

ס׳זיינען פאַראַן ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע רופן זיך ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע.

עס איז קיינמאָל נישט געווען און עס קען נישט זיין קיין סאָציאַליסטישער ציוניזם, גענוי ווי ס׳איז קיינמאָל נישט געווען און ס׳קען נישט זיין קיין ציוניס־טישער סאָציאַליזם. באַגלייך אָבער מיט דעם דאַרף מען זען, אַז ס׳עקזיסטירן סאָציאַליסטישע שטרעבונגען צווישן פיל אַרבעטנדיקע מאַסן, וועלכע געפינען זיך אונטער דער ציוניסטישער השפעה. פון אידעאָלאָגישן און פּאָליטישן שטאַנד־פּונקט אָבער זיינען געשטאַנען און שטייען אויך ווייטער די „ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע" אָרגאַניזאַציעס בעת אלע אַנטשיידנדיקע קאַמפן, בעת אַלע נסיונות פון דער תקופה — אויף דער זייט פון אימפּעריאַליזם, קעגן סאָציאַליזם און קעגן די באַוועגונגען פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג (אַזוי אין צאַרישן רוסלאַנד און אין אַלע אַנדערע לענדער, אין וועלכע ס׳האָט זיך געפירט דער קאַמף פאַר סאָציאַליזם, אַזוי אין זייער פּאָליטיק כלפּי די סאָציאַליסטישע לענדער אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, אַזוי בעת די מלחמות פון 1956 און 1967 אין מיטעלן מזרח).

די לענינישע טעזע, אַז עס קענען נישט הויזן אונטער איין דאַך אַ בורזשואַזע אידעאָלאָגיע און אַ פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע — באַשטעטיקט זיך אויך אין פאַל פון די „ציוניסטן־סאָציאַליסטן".

*

אונדזער ישראלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פירט אַן אידעאָלאָגיש־פּאָליטישן קאָנסעקווענטן קאַמף קעגן ציוניזם. אין דער זעלבער צייט קעמפט אונדזער פּאַרטיי פאַר דער אייניקייט פון די אַרבעטנדיקע, פאַר דער אייניקייט פון אַלע כוחות פון שלום, דעמאָקראַטיע און נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט, אָן אונטערשייד פון אידעאָלאָגישן וועלט־באַנעם און פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט, כדי צו דערנענטערן דעם פּראָגרעסיוון ציל, כדי צו דערגרייכן אפילו טיילווייזע פאָדערונגען, קלאַסנ־אַרטיק־פּראָלעטאַרישע אָדער אַלגעמיין־דעמאָקראַטישע.

אין קאַמף פאַר לוין־העכערונג, פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען, אין קאַמף פאַר פאַרטיידיקן די דעמאָקראַטישע פרייהייטן און זייער אויסברייטערונג, אין קאַמף פאַר פאַרמיידן מלחמה און פאַרטיידיקן דעם שלום — צעטיילן נישט די קאָמוניסטן די אַרבעטער, די מאַסן, לויט זייער אידעאָלאָגישן וועלט־באַנעם, נאָר לויט זייער שטעלונג אין באַצוג צום קאָנקרעטן קאַמף.

דער יסודותדיקער פונאַנדערטייל אין ישראל, ווי אין יעדן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד, איז צווישן עקספּלאָאַטאַטאָרן און עקספּלאָאַטירטע, לויט די קלאַסן־אינטע־רעסן. אונדזער ישראלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי פאַרמאַגט אַ לאַנג־יאָריקע דערפאַרונג פון קלאַסן־קאַמפן און פון אַלגעמיין־דעמאָקראַטישע מאַסן־קאַמפן, פון מיטבאַטייליקונג אין דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס (שלום־באַוועגונג, פריינט־שאַפט־באַוועגונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד און אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער, אַקציע־קאָמיטעטן פון די אַרבעטער־קאָמיטעטן און נאָך) צוזאַמען מיט אומפּאַר־טייאישע און מיטגלידער פון ציוניסטישע פּאַרטייען און אפילו מיט ציוניסטישע פּאַרטייען גופא, כל זמן די צוזאַמענאַרבעט דינט אַ פּראָגרעסיוון ציל, זאָל ער אפילו זיין אַ ביז גאָר טיילווייזער.

די מאַרקסיסטן־לעניניסטן באַגנוגענען זיך נישט בלויז מיט די קאַמפן פון געגעבענעם מאָמענט. אויך אין זיי זעען זיי אַ וועג פון צוגרייטן די באַדינגונגען פאַר ביז גאָר וועזנטלעכע ענדערונגען אין דער געזעלשאַפט, פאַר אַ רעוואָלו־ציאָנערן איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם צום סאָציאַליזם. באַגלייך אָבער מיט דעם גרינגשעצן נישט די קאָמוניסטן אויך טיילוויזע דערגרייכונגען פון די אַרבעטנ־דיקע אין רעזולטאַט פון זייער קאַמף. יעטוועדער בשותפותדיקער קאַמף פאַר־האַרטעוועט און שאַפט באַדינגונגען פאַר דער דערהויבונג פון קלאַסן־באַוווסטזיין, פאַרן פאַרויסגאַנג צום סאָציאַליסטישן ציל.

די ישראלדיקע קאָמוניסטן זעען נישט אין דער עמיגראַציע קיין ישראל קיין לייזונג פון דער יידן־פראַגע, נאָר אַ פּערזענלעכע אָנגעלעגנהייט פון יעדן עולה. אין דער זעלבער צייט זיינען זיי די קאָנסעקווענטע קעמפער פאַר אַ מענטש־לעכער און געהעריקער אַבסאָרבציע פון די נייע עולים וואָס שייך אַרבעט און שיכון.

די ישראלדיקע קאָמוניסטן זעען נישט אין די קיבוצים קיין סאָציאַליסטישע קעמערלעך אין דער ישראלדיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. זיי זיינען אָבער קאָנסעקווענטע קעמפער קעגן באַרויבן די קיבוצים דורך די בענק און פּראָצענטניקעס, זיי פאָדערן מאָראַטאָריום אויף זייערע חובות און זעען אין די מיטגלידער פון די קיבוצים פאַרבינדעטע פון אַרבעטער־קלאַס אין זיין קאַמף.

די קאָמוניסטן, וועלכע זיינען תמיד די ערשטע צו קאָאָפּערירן אויף אַ פּראָ־גרעסיווער באַזע מיט אַנדערע כוחות, זעצן פאָר גלייכצייטיק דעם אידעאָלאָגישן קאַמף, פאַרשפּרייטן די סאָציאַליסטישע טעאָריע, וויזן אָן אויף די פונדאַמענטאַלע סיבות פון מלחמות, פון אָרעמקייט, פון שאָוויניזם.

די קאָמוניסטן פירן זייער פּאָליטיק אויף אַ ביז גאָר עלאַסטישן אופן. פון אידעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט אָבער זיינען זיי נישט גרייט איינצוגיין אויף קיין שום קאָמפּראָמיס, ווייל עס קען נישט זיין קיין קאָמפּראָמיס, עס קען נישט זיין קיין קאָעקזיסטענץ צווישן דער אידעאָלאָגיע פון דער בורזשואַזיע און דער אידעאָלאָגיע פון פּראָלעטאַריאַט, און ביי אונדזערע באַדינגונגען — צווישן דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע און דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער.

„דער בורזשואַזער נאַציאָנאַליזם און דער פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָ־נאַליזם — דאָס זיינען צוויי קעגנזעצלעכע לאָזונגען, וואָס זיינען קאָמפּראָמיסלאָז

פיינטלעך איינער צו דעם אַנדערן, וועלכע אַנטשפּרעכן צוויי גרויסע קלאַסנאַר־טיקע לאַגערן פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און וואָס דריקן אויס צוויי פּאָליטיקעס (נאָך מערער: וועלט־אָנשויאונגען) אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע". (לעניך, „וועגן דער נאַציאָנאַלער און נאַציאָנאַל־קאָלאָניאַלער פראַגע").

מיטן פאָן פון דער אידעאָלאָגיע פון אַרבעטער־קלאַס, — דעם מאַרקסיזם־לעניניזם — דינען מיר אויפן בעסטן אופן די אַרבעטנדיקע מאַסן פון ישראל, די אמתדיקע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון ישראל־פאָלק.

רעזומע

דער אַנאַליז פון דער יידן־פראַגע און דער פראַגע פון ציוניזם אין דער נייער תקופה, אין ליכט פון מאַרקסיזם־לעניניזם, ברענגט צו פאָלגנדיקע אויספירן:

די פונדאַמענטאַלע אָפּשאַצונגען פון מאַרקסיזם־לעניניזם, פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג וואָס שייך דער יידן־פראַגע און דער פראַגע פון ציוניזם — בלייבן ווייטער גילטיק.

דאָס באַפרייען די יידישע מאַסן פון אַנטיסעמיטיזם, פון פאַרפאָלגונגען און פון דער פאַרטיליקונגס־געפאַר אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אַ פונדאַ־מענטאַלע און פולע לייזונג פון דער יידן־פראַגע — באַשטייט אין באַפרייען די געזעלשאַפט פון אַ רעזשים פון קלאַסן־עקספּלאָאַטאַציע און נאַציאָנאַלער אונטער־דריקונג, אין אויסרייסן די סאָציאַלע און פּאָליטישע וואָרצלען פון אַנטיסעמי־טיזם, אין נצחון פון סאָציאַליזם.

מדינת ישראל האָט נישט געלייזט און איז נישט אימשטאַנד צו לייזן די יידן־פראַגע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווו זי עקזיסטירט, זי איז נישט פעאיק צו ליקווידירן די פּלאָג פון אַנטיסעמיטיזם און גאַראַנטירן גלייכבאַרעכ־טיקונג פאַר די יידן. דעריבער איז די ציוניסטישע „לייזונג" פון דער יידן־פראַגע דורך אַ טעריטאָריאַלער קאָנצענטרירונג אין ארץ־ישראל — פאַרבליבן אַ רעאַק־ציאָנערע אוטאָפּיע.

דער ציוניזם ביים היינטיקן טאָג איז אַ רעאַקציאָנערע און נאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק פון דער יידישער פּראָ־אימפּעריאַליסטישער בורזשו־אַזיע, וואָס האָט איר צענטער אין ישראל און אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע.

דער ציוניזם טוט לטובת די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן, און ביים היינ־טיקן טאָג — ספּעציעל לטובת דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם און דעם מערב־דייטשישן.

דער ציוניזם ווירקט פאַר אָפּרייסן די אַרבעטער און די יידישע פאָלקס־מאַסן פון בשותפותדיקן קאַמף, צוזאַמען מיט אַלע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן אין זייערע ווינ־ערטער, פאַר פּראָגרעס און סאָציאַליזם. אַזוי אַרום פאַרשאַפט דער

ציוניזם גרויס שאַדן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן און אַלע יידישע יישובים, אין וועלכע ער איז טעטיק.

דער ציוניזם טוט אין מיטעלן מזרח, כדי צו פאַרפעסטיקן די פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סטראַטעגישע פּאָזיציעס פון די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן. מיט זייער הילף טוט ער פאַר טעריטאָריאַלער עקספּאַנסיע פון מדינת ישראל. דער ציוניזם שטעלט זיך קעגן דעם אַראַבישן פּאַלעסטינעזישן פאָלק און קעגן דער גאַנצער נאַציאָנאַלער אַראַבישער אַנטי־אימפּעריאַליסטישער באַוועגונג. אַזוי אַרום ווירקט דער ציוניזם קעגן די אמת׳ע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון ישראל־פאָלק.

דער ציוניזם באַטייליקט זיך אַקטיוו אין דער קאַלטער מלחמה פון די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן קעגן ראַטנפאַרבאַנד און אַנדערע סאָציאַליסטישע מדינות און אין דער אונטערגראָבערישער אידעאָלאָגישער און פּאָליטישער טעטיקייט קעגן די סאָציאַליסטישע לענדער. דער ציוניזם טוט די אַרבעט פון נעאָ־קאָלאָניאַליזם אין אַזיע, אין אַפריקע און אין לאַטיין־אַמעריקע.

מיט דעם אַלעמען פאַרשאַפט דער ציוניזם בלויז שאָדן די יידישע פאָלקס־מאַסן, דעם פאָלק פון ישראל און דער אַלגעמיינער זאַך פון געזעלשאַפטלעכן פּראָגרעס.

דער קאַמף קעגן דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע און איר פּאָליטיק איז אַ לעבנסוויכטיקער אינטערעס פון ישראל־פאָלק, פון די יידישע יישובים אין דער גאָרער וועלט און פון אַלע פּראָגרעסיווע כוחות.

דער קאַמף קעגן דער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פון ציוניזם – אַ לעבנס־נויטווענדיקייט פאַרן ישראל־פאָלק און פאַר אַלע פּראָגרעסיווע כוחות

דאָקומענט באַשטעטיקט דורכן 17־טן צוזאַמענפאָר

פון דער ישראלדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי

21—23 יוני 1972

דער 17־טער צוזאַמענפֿאָר שאַצט־אָפּ, אַז די ענדערונגען אין די כּוחות־פֿאַרהעלטנישן צום אומגונסטן פֿון אימפּעריאַליזם און לטובֿת דעם סאָציאַליזם, דער דורכפֿאַל פֿון די מיליטערישע אָנשטרענגונגען פֿון אימפּעריאַליזם, וועלכע זיינען אויסן געווען צו ענדערן דעם גאַנג פֿון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג אין פֿאַרשיידענע וועלט־טיילן, די עקאָנאָמישע דורכפֿאַלן פֿון אימפּעריאַליזם אין זיין פֿאַרמעסט מיטן אַלוועלטלעכן סאָציאַליסטישן סיסטעם — דאָס אַלץ האָט דערפֿירט צום דורכפֿאַל פֿון דער סטראַטעגישער גלאָבאַלער ליניע פֿון אימפּעריאַליזם, ווי זי איז געקומען צום אויסדרוק נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ביי אַזאַ מצבֿ, פֿאַרנעמט דער אידעאָלאָגישער קאַמף אַ מערער דעצידירנדיק אָרט ווי ווען נישט איז. אין די דאָזיקע נייע באַדינגונגען, מערער ווי אין פֿריערדיקע תּקופֿות, באַנוצט זיך דער אימפּעריאַליזם מיטן ציוניזם ווי מיט איינעם פֿון זיינע וויכטיקסטע אינסטרומענטן אין זיין קאַמף קעגן דעם סאָציאַליזם, קעגן דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג און קעגן דער נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונגס־באַוועגונג.

דאָס אָרגאַניזירן אַנטי־סאָוויעטישע העץ־קאַמפּאַניעס ביי דער מיטהילף פֿון ציוניזם, דאָס אויסנוצן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס מיטן צוועק צו שאַפֿן אַ געשפּאַנטקייט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, כּדי צו סאַבאָטירן די אָנשטרענגונגען צו פֿאַרפֿעסטיקן די פֿרידלעכע קאָעקזיסטענץ צווישן מדינות מיט פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטלעכע רעזשימען — זיינען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סיסטעמאַטישער דערשיינונג אין די לעצטע יאָרן, מערער ווי אין די פֿריערדיקע תּקופֿות. די ציוניסטישע באַוועגונג, מיט אַלע אירע פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, נוצט אויס צום שלעכטן די פֿריינטשאַפֿטלעכע געפֿילן מצד די פּראָגרעסיווע קרייזן אין פֿאַרשיידענע לענדער לגבי די יידישע פֿאָלקס־מאַסן — אין רעזולטאַט פֿון דער פֿאַרטיליקונג פֿון זעקס מיליאָן יידן דורך די היטלערישע בעסטיעס אין אייראָפּע — כּדי אָפּצונאַרן די דאָזיקע קרייזן מיט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דער פּאָליטיק פֿון די ישׂראלדיקע הערשער און פֿון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. דעריבער האָט אַ ספּעציעלע ביז גאָר וויכטיקייט די גרינדלעכע אויפֿקלערונג וועגן היינטצייטיקן ציוניזם, דער קאַמף קעגן זיין אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק.

דער ציוניזם — אַ רעאַקציאָנערע אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק

די מאַרקסיסטיש-לעניניסטישע טעזע וועגן רעאַקציאָנערן כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק — איז נישט נאָר, וואָס זי איז נישט פאַרעלטערט געוואָרן, נאָר זי ווערט ביים היינטיקן טאָג נאָך מערער באַשטעטיקט. זיי זיינען רעאַקציאָנערע צוליב פאָלגנדיקע מאָטיוון:

● די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע איז אַ רעאַקציאָנערע, ווייל איר אויסגאַנגפּונקט איז אַ נאַציאָנאַליסטישער, אַ ראַסיסטישער. דער ציוניזם דערקלערט, אַז די לייזונג פון דער יידן־פראַגע, דאָס באַפרייען די יידן פון פאַרפאָלגונגען און פון אַנטיסעמיטיזם — איז בלויז מעגלעך דורך פאַרלאָזן די לענדער, אין וועלכע זיי לעבן, און אויסוואַנדערן קיין ישראל. מיט דעם איגנאָרירט ער די קלאַסנאַרטיקקאַפּיטאַליסטישע וואָרצלען פון אַנטיסעמיטיזם און נעגירט די ריכטיקע און איינציקע רעאַלע לייזונג, וואָס באַשטייט אין דער ענדערונג פונעם רעזשים און אינעם נצחון פון דער דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם. די דאָזיקע טעאָריע איז אַ ראַסיסטישע, ווייל זי האַלט פון פאַרויס, אַז אונטער קיין שום רעזשים זיינען מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער נישט אימשטאַנד צו לעבן אין ברידערלעכקייט און פריינטשאַפט צווישן זיך, און אַז דאָס איז ספּעציעל חל אויף די יידן. דאָס איז אַזאַ סאָרט פאַרקערטע אַנטיסעמיטישע טעאָריע. די ציוניסטישע אידעאָלאָגן שרייבן צו אַנדערע פעלקער, נישט־יידן, בלויז דערפאַר וואָס זיי זיינען נישט קיין יידן — די זעלבע אייגנשאַפטן, וועלכע די אַנטיסעמיטן שרייבן־צו די יידן בלויז דערפאַר וואָס זיי זיינען יידן. ביידע טעאָריעס, סיי די ציוניסטישע און סיי די אַנטיסעמיטישע, שטאַמען אָפּ פון איין מקור: ראַסן־טעאָריע, און זייער ציל איז: פונאַנדערשיידונג צווישן די האַרעפּאַשנע מאַסן פון פאַרשיידענע פעלקער, צו דער גרויסער פרייד פון קלאַסן־שונא.

● די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע האַלט, אַז די יידישע אַרבעטנדיקע דאַרפן זיך סעפּאַרירן פון כלל אַרבעטנדיקע — פון די אַרבעטנדיקע פון אַנדערע פעלקער — און אַז זיי דאַרפן שאַפן איין פראָנט, איין אָרגאַניזאַציע, צוזאַמען מיט דער יידישער בורזשואַזיע, מיטן קלאַסן־שונא, כדי צו פאַרווירקלעכן די ציוניסטישע צילן. דעריבער דערציט די דאָזיקע ציוניסטישע טעאָריע אומבאַדינגט צו אַ קלאַסן־שלום־בית. לויט דער דאָזיקער טעאָריע איז כלומרשט פאַראַן אַ בשותפותדיקער אינטערעס צווישן די יידישע מיליאָנערן אין ניו־יאָרק און די אָרעמע יידן אין קאַזאַבלאַנקאַ (מאַראָקאָ) אָדער אין די אָרעמקייט־קוואַרטאַלן פון ירושלים. די ציוניסטישע טעאָריע דערפירט, אַלזאָ, צו דער שפּאַלטונג פון די אַרבעטנדיקע אויף דער באַזע פון יידן און נישט־יידן, און זי העלפט די קאַפּיטאַליסטן אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אין וועלכע ס'איז טעטיק דער ציוניזם, אַריינצוהאַקן אַ קליין צווישן די אַרבעטנדיקע אויף אַ נאַציאָנאַלער באַזע.

● אַ וועזנטלעכער טייל פון דער ציוניסטישער טעאָריע איז די רעאַקציאָנערע און נישט־רעאַלע טעאָריע וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ יידישער אַלוועלטלעכער עקסטעריטאָריאַלער נאַציע און דער עקזיסטענץ פון בשותפותדיקע איבער־קלאַסנאַרטיקע אינטערעסן פון אַלע יידן אין דער גאָרער וועלט. די דאָזיקע

טעריטאָריע באַמיט זיך אויף אַ קינסטלעכן אופן צו שאַפן איין נאַציע פון מענטשן, וועלכע לעבן נישט אויף אַ געמיינזאַמער טעריטאָריע, אין געמיינזאַמע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין בשותפותדיקע שפּראַך, קיין בשותפותדיקע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן און קיין בשותפותדיקע קולטור. אין דער ווירקלעכקייט איז טאַקע פאַראַן אַן אַלוועלטלעכע ציוניסטישע באַוועגונג, אָבער אַן אַלוועלט־לעכע יידישע נאַציע עקזיסטירט נישט.

דער ציוניזם באַנוצט זיך מיט די צוואַנגס־מיטלען פון מדינת ישראל, כדי אויפצוצווינגען אידעאָלאָגישע באַגריפן, וואָס זיינען אין סתירה צום לעבן גופא און זיין אַנטוויקלונג. דער אָפּזאָג פון העכסטן געריכט צו רעגיסטרירן דעם ד״ר י. טאַמאַרין, לויט זיין פאַרלאַנג, זיין נאַציאָנאַליטעט אַלס ישראלדיקע (אַנשטאָט יידישע), צוליב דער פּרינציפּיעלער פעסטשטעלונג, אַז „ס׳איז נישטאָ קיין באַזונדערע ישראלדיקע נאַציע״ פון אַלוועלטלעכן יידישן פאָלק — איז אַ וויל־קירלעכע ציוניסטישע פעסטשטעלונג וואָס איז אין ווידערשפּרוך צו דער ווירק־לעכקייט און אפילו צו דער זיך אַנטוויקלענדיקער ישראלדיקער דערקענטניש פון די יידן אין ישראל.

אין אַ רעפערענדום, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין די מלוכהשע מיטל־שולן און וואָס זיינע רעזולטאַטן זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאַנואַר 1972, האָבן 90% פון די שילער געענטפערט, אַז „זייער ישראלדיקייט איז פריער פון זייער יידישקייט״ („ידיעות אחרונות״, 12.1.72).

- די ציוניסטישע באַוועגונג איז אַ רעאַקציאָנערע, ווייל זי האָט תמיד, זינט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, געגראָבן אונטערן סאָציאַליסטישן רעזשים, געווירקט צו סעפּאַרירן די יידישע אַרבעטנדיקע פון די אַרבעטנדיקע פון אַנדערע פעלקער אין די סאָציאַליסטישע לענדער. איינער פון די הויפּט אויסדרוקן פון דער ציוניסטישער טעטיקייט ביים היינטיקן טאָג איז די אונטערגראָבונגס־טעטיקייט אין דינסט פון אימפּעריאַליזם קעגן די רעזשימען אין די סאָציאַליסטישע לענדער. אויפן דאָזיקן געביט, נוצט אויס דער אימפּעריאַליזם — וועלכער פּרובירט ווירקן צווישן דער באַפעלקערונג אינערהאַלב די סאָציאַליסטישע לענדער — ספּעציעל דעם ציוניזם. אין די לעצטע יאָרן פירט זיך די ציוניסטישע טעטיקייט קעגן די סאָציאַליסטישע לענדער אויך דורך די אָפיציעלע מלוכהש־ישראלדיקע קאַנאַלן.
- דער ציוניזם איז רעאַקציאָנער ווייל במשך פון זיין גאַנצער געשיכטע האָט ער געאַרבעט אין דינסט פון אימפּעריאַליזם. די ציוניסטישע מנהיגים האָבן תמיד קאָאָפּערירט און קאָאָפּערירן ווייטער מיט די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן קעגן די כוחות פון סאָציאַליזם און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.
- דער ציוניזם אין מיטעלן מזרח דינט ווי אַ מיליטערישער און פּאָליטישער אינסטרומענט אין די הענט פון אימפּעריאַליזם קעגן דער נאַציאָנאַלער אַראַבישער באַוועגונג, קעגן די אַנטי־אימפּעריאַליסטישע כוחות און מדינות אין ראַיאָן. אַנטי־אַראַבישער שאָוויניזם, דאָס פאַרטרייבן די אַראַבישע פעלקער פון זייער באָדן, אָקופּירן דעם באָדן פון אַראַבער און דעראָבערן די אַרבעט פון אַראַבער (כיבוש הקרקע וכיבוש העבודה), די שטרעבונג צו אַ מאַקסימום פון שטח מיט וואָס ווייניקער אַראַבער אויף אים — דאָס כאַראַקטעריזירט די ציוניסטישע פּאָליטיק

אין לאַנד נאָך פאַר דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל און נאָך איר אַנטשטייאונג. זי איז געווען און איז פאַרבליבן אַ קאָלאָניאַליסטישע, אַנטי־אַראַבישע און פּראָ־אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק.

די סועץ־סיני־מלחמה, וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך אַ געשלאָסענעם בונד מיט די פראַנצויזישע און ענגלישע אימפּעריאַליסטן — האָבן אונטערגעשטיצט אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען אָן אויסנאַם. די יוני־מלחמה אין יאָר 1967 — וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרן ביי דער מיליטערישער, עקאָנאָמישער און פּאָליטישער מיטהילף מצד דעם אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם און אַנדערע אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן — האָבן אונטערגעשטיצט אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען אין לאַנד און אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד.

און צום סוף:

● די אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פון ציוניזם זיינען רעאַקציאָנערע, ווייל זיי ווידערשפּרעכן די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטנדיקע אומעטום אין יעדן לאַנד, און די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון ישראל־פאָלק. די ציוניסטישע פּאָליטיק אין די לענדער ווו עס הערשט דער קאַפּיטאַל, שטיצט די רעאַקציאָנערע, ראַסיסטישע און אַנטיסעמיטישע כוחות. איז דעריבער יעדע אונטערשטיצונג פאַר דער ציוניסטישער פּאָליטיק, נישט בלויז ניט קיין אונטערשטיצונג פאַר די ריכטיקע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון ישראל־פאָלק און פאַר די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטנדיקע, נאָר זי איז אין פולשטענדיקן ווידערשפּרוך צו זיי.

דער ציוניזם, נישט בלויז וואָס ער גיט ניט קיין זיכערקייט דעם פאָלק פון ישראל, נאָר ער שטעלט זי גאָר אין געפאַר. די ציוניסטישע פּאָליטיק, וועלכע הערשט אין מדינת ישראל, שטעלט אין געפאַר די זיכערקייט און צוקונפט פון מדינת ישראל, זעצט אַוועק דאָס פאָלק פון ישראל אויף אַ ווולקאַן, איז מפקיר דעם גורל פון ישראל צום אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם; איזאָלירט ישראל פון דער אַרומיקער אַראַבישער וועלט און פאַרהאַסט זי אויף אים; איזאָלירט ישראל פון דער סאָציאַליסטישער וועלט מיטן ראַטנפאַרבאַנד בראש, פון די פעלקער פון אַזיע, אַפריקע און לאַטיין־אַמעריקע, וועלכע קעמפן קעגן אימפּעריאַליזם און פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג.

דעריבער איז דער קאַמף קעגן דער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פון ציוניזם — די זאַך פון ישראלדיקן פּאַטריאָטיזם. דאָס איז אַ קאַמף פאַר די אמתע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון ישראל־פאָלק, פאַר די אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטנדיקע אין דער גאָרער וועלט, פאַר דער אַלגעמיינער זאַך פון שלום, נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט, דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם.

די רעאַקציאָנערע אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פון ציוניזם בילדן אַ פרוכטבאַרן באָדן פאַר דער דערשיינונג און פאַרשטאַרקונג פון ציוניסטיש־פאַשיסטישע פּאַרטייען און גרופּן, וועלכע ווענדן אָן טעראָר־מעטאָדן — צוזאַמענשטויסן, אונטערצינדונגען און דראָונגען, און צום דאַזיקן צוועק שאַפן זיי האַלב־מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס, ווי די ליגע פון הרב כהנא. די ציוניסטישע לייטונג אין ישראל, אין די פאַרייניקטע שטאַטן און אין אַנדערע לענדער, גרענעצן זיך צייטנווייז

אַפּ — צוליב טאַקטישע אויסרעכענונגען — פון די טעטיקייט־מעטאָדן פון די דאָזיקע גרופּן. פּאַקטיש אָבער גיט זי דעקונג אויף די אַקטיוויטעטן פון די דאָזיקע פאַשיסטישע גרופּן, דערמוטיקט זייער טעטיקייט, פּאָפּולאַריזירט ווי ווייט מעגלעך זייערע כוליגאַנישע מעשים מיט אַלע מיטלען פון דער טעלעקאָמוניקאַציע.

פון דעם אויבן געזאָגטן דרינגט אַרויס דער אויספיר, אַז ס׳איז נישטאָ און ס׳קען נישט זיין קיין פּראָגרעסיווער ציוניזם. די עצם ציוניסטישע אידעאָלאָגיע איז אַ רעאַקציאָנערע, און די ציוניסטישע פּראַקטיק איז תמיד געווען און איז אַ רעאַקציאָנערע. אין דער זעלבער צייט באַטראַכט אונדזער פּאַרטיי די קלאַסן־פונאַנדערטיילונג אין דער ישראלדיקער געזעלשאַפט אַלס אַנטשיידנדיקע, אַלס אויסגאַנג־פונקט פאַר איר סטראַטעגיע און טאַקטיק. פאַראַן ציוניסטן און פאַראַן ציוניסטישע גרופּן, וואָס טראָגן זייער אידענטיפיצירונג מיט דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע — האָבן זיי אַ ריכטיקע שטעלונג לגבי דער אָדער אַנדערער קאָנקרעטער פראַגע אויפן געזעלשאַפטלעכן אָדער פּאָליטישן געביט. דעריבער האָט אונדזער פּאַרטיי תמיד געזען און זעט ווייטער די מעגלעכקייט און די באַדערפעניש פון קאָאָפּעראַציע אין געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע קאָנקרעטע פראַגן מיט יעדער פּערזענלעכקייט אָדער פּאָליטישער קערפּערשאַפט, וועלכע האָבן אַ ריכטיקע שטעלונג אין אַ קאָנקרעטער פראַגע. באַגלייך אָבער מיט דעם, איז אונדזער פּאַרטיי ווייטער ממשיך דעם אידעאָלאָגישן און פּאָליטישן קאַמף קעגן ציוניזם.

אונדזער פּאַרטיי קעמפט פאַר אַ פאַראייניקטן שלום־פראָנט פון די אַלע אין ישראל, וועלכע זיינען קעגן דער רעגירונגס־פּאָליטיק, וועלכע זיינען מסכים צו אַ שלום אָן אנעקסיעס, אָן אונטערשייד פון זייער אידעאָלאָגישער אנשויאונג, און אפילו אָן אונטערשייד פון זייער שטעלונג לגבי דעם כאַראַקטער פון דער יוני־מלחמה אין 1967, פאַר אַ פאַראייניקטן אַרבעטער־פראָנט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די טאָג־טעגלעכע אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע.

די היסטאָרישע אָביעקטיווע אַנטוויקלונג, די ענדערונגען אין די כוחות־פאַרהעלטנישן אין דער וועלט לטובת דעם סאָציאַליזם און צום אומגונסטן פון אימפּעריאַליזם, די היסטאָרישע פּערספּעקטיוולאָזיקייט פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק — דאָס אַלץ איז משפּיע און וועט ווייטער משפּיע זיין אויף די אַרבעטנדיקע און פאָלקס־מאַסן ביי אונדז אין לאַנד אין דער ריכטונג פון פאַרשטיין די ריכטיקייט פון אונדזער אידעאָלאָגישן וועג און די גערעכטיקייט פון אונדזער פּאָליטיק, וועלכע דינט אויפן געטרייעסטן אופן די אינטערעסן פון אַלע אַרבעטנדיקע אין ישראל, יידן און אַראַבער, די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון ישראל־פאָלק, די אינטערעסן פון אַלע פעלקער אין אונדזער ראַיאָן און די אינטערעסן פון סאָציאַליזם און פּראָגרעס אין דער גאַנצער וועלט.

אין לעצטן סך־הכל, דער ציוניזם שטייט אין ווידערשפּרוך נישט בלויז צו די אינטערעסן פון סאָציאַליזם און פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־באַוועגונג, נישט בלויז צו די אינטערעסן פון דער אַלגעמיינער זאַך פון שלום און סאָציאַלן פּראָגרעס, נאָר, נישט ווייניקער פון דעם, צו די אינטערעסן פון דער יידישער ישראלדיקער נאַציע גופא, צו דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון ישראל פון

דער געפערלעכער אָפּהענגיקייט פון אימפּעריאַליזם, ווי אויך צו די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע יידישע מאַסן אין דער גאַרער וועלט.

די אַלוועלטלעכע ציוניסטישע באַוועגונג, מיט אַלע אירע פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, האָט די פּרעטענזיע, אָן שום אָנהאַלט אין דערווירקלעכקייט, צו רעפּרעזענטירן די יידן אין דער גאַרער וועלט. די גרויסע מערהייט יידן אין דער וועלט געהערט נישט צו דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט קיינמאָל נישט געטראַכט און טראַכט נישט וועגן עמיגרירן קיין ישראל. אַפילו אין די באַדינגונגען פון דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל און אין די לייכטע באַדינגונגען פון אַ ברייטער פינאַנסירונג פאַר דער עליה פון די מערב־לענדער, פאַרבינדט בלויז אַ קליינער טייל פון די יידן אין דער וועלט זיין גורל מיט מדינת ישראל, און אַ קענטיקער טייל פון די, וואָס האָבן עמיגרירט קיין ישראל, האָבן זי שוין, פאַקטיש, פאַרלאָזט. פונדאַנען קען מען מאַכן דעם היסטאָרישן אויספיר, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג איז געווען און איז פאַרבליבן בלויז איין ריכטונג, און נישט קיין דאָמינאַנטישע, ביי די יידן אין דער וועלט. די דאָזיקע ריכטונג דריקט אויס די קלאַסן־אינטערעסן פון דער יידישער גרויס־בורזשואַזיע, וועלכע בילדעט אַן אינטעגראַלן טייל פון מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל פון די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן און די אינטערעסן פון ישראלדיקן גרויס־קאַפּיטאַל, וואָס איז פאַרבונדן מיטן פרעמדן קאַפּיטאַל, און שטייט אין ווידערשפרוך צו די אינטערעסן פון דער מערהייט יידן אין דער וועלט.

דער מאַרקסיזם־לעניניזם, וועלכער ווייזט דעם וועג צו נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג פון די פעלקער, ווייזט אויך דעם וועג צו דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג פון ישראל פון איר אָפּהענגיקייט פון די פרעמדע מאָנאָפּאָלן און אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן, פאַר באַגרינדן די זיכערקייט פון ישראל אויף אַ פעסטער באַזע פון איינשטעלן פריינטשאַפטלעכע באַציאונגען און קאָאָפּעראַציע מיט די שכנישע אַראַבישע פעלקער, מיטן ראַטנפאַרבאַנד און אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער, מיט דער מעכטיקער אַנטי־אימפּעריאַליסטישער באַוועגונג פון די פעלקער. דער מאַרקסיזם־לעניניזם ווייזט דעם וועג צום סאָציאַליזם אין ישראל.

דער אידעאָלאָגישער קאַמף און די עמיגראַציע פון ראַטנפאַרבאַנד

די היסטאָרישע דערפאַרונג פון די סאָציאַליסטישע מדינות, און באַזונדערס פון ראַטנפאַרבאַנד, באַווייזט, אַז דער סאָציאַליזם לייזט די נאַציאָנאַלע פראַגן, איינשליסלעך די יידן־פראַגע, און דאָס צוליב דעם, וואָס ער וואָרצלט אויס די פונדאַמענטאַלע סיבות — די קלאַסנאַרטיק־סאָציאַלע — פון ראַסיזם און נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע, איינשליסלעך פון אַנטיסעמיטיזם, און גאַראַנטירט גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע פעלקער, אָפיציעל און פאַקטיש.

די ציוניסטישע אידעאָלאָגן נוצן אויס דעם פאַקט, וואָס אין די לעצטע יאָרן

האָבן טויזנטער יידן אויסגעוואַנדערט פון ראַטנפאַרבאַנד, כדי צו פּרוּוון אָפּפרעגן די טעאָריע פון מאַרקסיזם־לעניניזם אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע און אויפווייזן, אַז דער סאָציאַליזם לייזט נישט די יידן־פראַגע און אַז דער ציוניזם האָט זיך באַשטעטיקט. דער דאָזיקער פרווו פון די ציוניסטישע אידעאָלאָגן איז אינגאַנצן געבויט אויף זאַמד און האָט קיין שום יסוד נישט. אויף אונדזער 16טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, האָבן מיר אין דער ראַם פון די רעזומעס וועגן דער "יידן־פראַגע און ציוניזם ביים היינטיקן טאָג", אָנגענומען פאָלגנדיקע רעזומעס:

"די דערפאַרונג פון סאָציאַליזם באַווייזט, אַז אין די סאָציאַליסטישע לענדער איז געלייזט געוואָרן די יידן־פראַגע, עס זיינען אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל די סאָציאַלע און פּאָליטישע יסודות פון אַנטיסעמיטיזם. אין די סאָציאַליסטישע לענדער עקזיסטירן נישט מער קיין געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין אַנטיסעמיטיזם אָדער אין וועלכער נישט איז נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע".

באַגלייך אָבער מיט דעם, לעבן נאָך אין די סאָציאַליסטישע לענדער מענטשן פון די אַלטע קלאַסן, פאַראַן נאָך דאָרט אַזעלכע, וועלכע זיינען באַאיינפלוסט פון דער אַלטער בורזשואַזער געזעלשאַפט און פון דער אויסערלעכער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. אַזוי איז אויך משפיע די טעטיקייט פון דער אידעאָלאָגיש־אימפּעריאַליסטיש־שאָוויניסטישער אונטערגראַבונג פון דרויסן, וואָס באַמיט זיך אַריינצושמוגלען נאַציאָנאַליסטישע פאַראורטיילן און דורכפירן אַ פונאַנדערשיידונג צווישן די פעלקער, כדי פון אינעווייניק אונטערצוגראָבן די סאָציאַליסטישע מדינות. זיינען דעריבער נאָך פאַראַן דאָ און דאָרט אין סאָציאַליסטישע לענדער פאַרשיידענע מענטשן (און יידן זיינען נישט קיין אויסנאַם פון דעם), וועלכע האָבן זיך נאָך נישט באַפרייט פון די איבערבלייבעכצן פון שאָוויניסטישע און אַנדערע פאַראורטיילן (איינשליסלעך ציוניזם און אַנטיסעמיטיזם).

די דאָזיקע דערשיינונגען זיינען אָבער נישט כאַראַקטעריסטיש פאַרן סאָציאַליזם. זיי זיינען קעגנזעצלעך צו זיין גאַנצן וועזן. זיי זיינען נישט קיין אייגנשאַפטן פון סאָציאַליזם, נאָר אייגנשאַפטן פון קאַפּיטאַליזם, דעריבער זיינען דאָס פאַר־איבערגייענדיקע דערשיינונגען אין די סאָציאַליסטישע מדינות.

אויפן גרונט פון דאָזיקן מאַרקסיסטיש־לענינישן אַנאַליז האָט אונדזער 16טער צוזאַמענפאָר רעזומירט:

"דער פאַקט, וואָס יידן עמיגרירן פון סאָציאַליסטישע לענדער אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער, איינשליסלעך קיין ישראל, איז נישט קיין רעזולטאַט פון סאָציאַליסטישן רעזשים, נאָר אַ פּראָדוקט פון פאַרשיידענע היסטאָרישע אומשטענדן. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן אויף אַ טייל יידן משפיע געווען די גרוילן פון דער מאַסן־פאַרטיליקונג, דורכגעפירטע דורך די נאַציס, אין דער ריכטונג פון פאַרלאָזן די חורבן־ערטער און דער באַגער צו פאַראייניקן זיך מיט זייערע פאַמיליעס אין אויסלאַנד. אַנדערע טיילן, פון קליינבירגערלעכן אָפּשטאַם, האָבן ליבערשט געוואָלט לעבן אונטער אַ קאַפּיטאַליסטישן רעזשים איידער אונטער אַ סאָציאַליסטישן. אין אַנדערע פאַלן האָבן משפיע געווען די

ציוניסטישע פראפאגאנדע ווי אויך די שוועריקייטן פון סאציאליסטישן בוי, ווי אויך באגאנגענע פעלערן אין געוויסע סאציאליסטישע לענדער".

די דאזיקע רעזומעס, ווי אלע אנדערע רעזומעס פון 16טן צוזאמענפאר וועגן דער יידן-פראגע און ציוניזם ביים היינטיקן טאג — האבן נישט פארלוירן זייער גילטיקייט.

דער פאקט, וואס אין דער לעצטער צייט האט דער ראטנפארבאנד דערלויבט יידן, וואס האבן דאס פארלאנגט, אויסצוואנדערן קיין ישראל, און טאקע טויזנטער יידן פון ראטנפארבאנד האבן עמיגרירט קיין ישראל — איז נישט נאר וואס דאס גראבט נישט אונטער די אויבנדערמאנטע טעזן, נאר פארקערט, דאס פארשטארקט זיי נאך מערער. ווען אין ראטנפארבאנד איז נישט געגעבן געווארן אזא פרייע מעגלעכקייט ווי איצט פאר די יידן, וואס ווילן אויסוואנדערן קיין ישראל, האבן די ציוניסטישע מנהיגים אויבנאויפיק געקענט ארויסרוקן די טענה, אז די מאסן יידן אין ראטנפארבאנד באטראכטן נישט דעם ראטנפארבאנד אלס זייער היימלאנד. איצט אבער, ווען דער ראטנפארבאנד דערמעגלעכט די יידן, וואס פארלאנגען דאס (אויסער אויסנאם-פאלן) אויסצוואנדערן קיין ישראל, ווייזט זיך ארויס, אז ביז גאר א קליינער טייל פון די סאוויעטישע יידן איז אין דעם פאראינטערעסירט. דווקא די לעצטע אנטוויקלונג באווייזט, אז דער אביעקטיווער דאמינאנטישער פראצעס צווישן זיי איז די אינטעגראציע אין אלגעמיינעם לעבן פון די סאוויעטישע פעלקער. די יידן אין ראטנפארבאנד זיינען מיט אלע פעדעם פון זייער נשמה צוגעבונדן צו דער סאציאליסטישער געזעלשאפט, צוזאמען מיט די זין און טעכטער פון די אנדערע סאוויעטישע פעלקער בויען זיי דעם קאמוניזם, לעבן גליקלעך און זייער מאטעריעלער און קולטורעלער לעבנס-סטאנדארט איז א הויכער.

די פראגע פון עמיגראציע איז נישט קיין פרינציפיעלע פראגע. די מארקסיסטן לייזן זי אין יעדן פאל אנטשפרעכנדיק צו די באדינגונגען פון צייט און ארט, אנטשפרעכנדיק צום אלגעמיינעם אינטערעס פון פראגרעס. אין ראטנפארבאנד קומט פאר א שטורמישע אנטוויקלונג אויף אלע געביטן פון דער עקאנאמיק, פון דער קולטור און געזעלשאפט. די סאוויעטישע געזעלשאפט איז די קרעפטיקסטע, די געזונטסטע געזעלשאפט אין דער וועלט. די אויסוואנדערונג פון עטלעכע טויזנט מענטשן פון ראטנפארבאנד, יידן און אנדערע, — האט נישט קיין שום איינפלוס אויף דער סאוויעטישער געזעלשאפט און איר אנטוויקלונג.

די סאוויעטישע קאמוניסטישע פארטיי פארשטארקט דעם אידעאלאגישן קאמף קעגן אלע דערשיינונגען פון נאציאנאליזם אין ראטנפארבאנד, איינשליסלעך אויך קעגן ציוניזם. דער פאקט, וואס די סאוויעטישע יידן זיינען נישט פאראינטערעסירט אין פארלאזן זייער סאציאליסטיש היימלאנד און אריבערטראגן זיך אין א קאפיטאליסטיש לאנד, נאר זיי שטויסן אפ די פראפאגאנדע פון די ציוניסטישע אידעאלאגן — באווייזט דעם כוח פון סאציאליזם און זיין וויטאליטעט, לייקנט אפ די ציוניסטישע אידעאלאגיע. די יידן פון ראטנפארבאנד גיבן ווייטער זייער געבענטשטן צושטייער פארן בוי פון קאמוניזם אין זייער סאוויעטישן היימלאנד און מיט דעם טראגן זיי צו זייער ביישטייער פאר דער אלגעמיינער זאך

פון שלום און פּראָגרעס, וואָס איז אויך די העכסטע אָנגעלעגנהייט פון די יידישע אַרבעטנדיקע אומעטום.

דער פאַקט, וואָס אין ראַטנפאַרבאַנד לעבן די יידן אַ לעבן פון פרייהייט און זיכערקייט, און דער פאַקט, וואָס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אייגנשליסלעך ישראל, זיינען די יידן נישט זיכער מיט זייער צוקונפט — באַווייזן, אַז נישט דער ציוניזם נאָר דער סאָציאַליזם לייזט די יידן־פראַגע.

דער ציוניזם האָט נישט געלייזט און איז נישט אימשטאַנד צו לייזן די יידן־פראַגע, דאָס הייסט, אַז ער איז נישט אימשטאַנד צו באַפרייען די יידישע מאַסן פון דער פּלאָג פון אַנטיסעמיטיזם אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אין וועלכע ער איז פאַראַן. די עמיגראַציע לייזט נישט די יידן־פראַגע. נאָר און אויסשליסלעך דער נצחון פון סאָציאַליזם קען אויסרייסן דעם אַנטיסעמיטיזם מיטן וואָרצל, קען דערפירן צו אַ פונדאַמענטאַלער און פולער לייזונג פון דער יידן־פראַגע גענוי ווי פון אַנדערע נאַציאָנאַלע פראַגן.

איז דעריבער דער אָביעקטיווער אינטערעס פון די יידישע מאַסן ווו זיי זאָלן זיך נאָר נישט געפינען — צו קעמפן האַנט ביי האַנט מיט אַלע כוחות פון דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם פאַר אַ נייעם רעזשים, אין וועלכן עס וועט אויסגעריסן מיטן וואָרצל דער ראַסיזם און דער אַנטיסעמיטיזם, אין וועלכן עס וועט אַרויסגעריסן די קלאַסנאַרטיקע געזעלשאַפטלעכע וואָרצלען פון ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם.

דער ציוניזם — שאַרף־פונקט פאַר אַנטיסאָוויעטישער העצע אין דינסט פון אימפּעריאַליזם

די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע באַוועגונג האָט דעפינירט דעם שווער־פונקט אין דער גלאָבאַלער סטראַטעגיע פון אימפּעריאַליזם אין דער היינטיקער תקופה פעסטשטעלנדיק, אַז „די שאַרף פון דער אַגרעסיווער סטראַטעגיע פון אימפּעריאַליזם איז געריכטעט — ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט — קודם־כל קעגן די סאָציאַליסטישע מדינות". אין זיין קאַמף קעגן סאָציאַליסטישן לאַגער און קודם־כל קעגן ראַטנפאַרבאַנד, מאָביליזירט דער אימפּעריאַליזם אויף זיין זייט אַלע רעאַקציאָנערע באַוועגונגען און אַלע סאַטעליט־רעגירונגען. אין דער דאָזיקער ראַם מאָביליזירט ער די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און די ישראל־רעגירונג, וועלכע האָבן געשטעלט אַלע פּאָליטישע מיטלען און די טעלעקאָמוניקאַציע־אינסטרומענטן, וואָס געפינען זיך אין זייער באַזיץ — צום דינסט פון גלאָבאַלן קאַמף פון אימפּעריאַליזם קעגן ראַטנפאַרבאַנד און קעגן קאָמוניזם.

אַ ביז גאָר וויכטיקן דינסט פאַרן אימפּעריאַליזם אין דער ראַם פון קאַמף קעגן קאָמוניזם, גיבן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און די ישראל־רעגירונג אויפן געביט פון העצע און אַקטיוויטעט קעגן ראַטנפאַרבאַנד. במשך פון די

לעצטע יאָרן איז די אַנטי־סאָוויעטישע העצע אין ישראל דערגאַנגען צו אַ פּרע־צעדענסלאָזן פאַרנעם. די כנסת איז פיל מאָל ספּעציעל צונויפגערופן געוואָרן אויף אַנטי־סאָוויעטישע שענדלעכע און ווילדע ספּעקטאַקולאַרע פאַרשטעלונגען. אין די שולן ווערן דורכגעפירט אַנטי־סאָוויעטישע רעפעראַטן, וואָס זייער ציל איז צו פאַרגיפטן די נשמות פון די קינדער און יוגנט ביי אונדז אין לאַנד מיטן סם פון אַנטי־קאָמוניזם און אַנטי־סאָוויעטיזם.

די אַנטי־סאָוויעטישע העצע מצד דער ישראל־רעגירונג און די ציוניסטישע מנהיגים ווערט דורכגעפירט אין קאָאָרדינאַציע מיט די אימפּעריאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע־צענטערן אין וואַשינגטאָן און אין אַנדערע הויפּט־שטעט.

דער אויסרייד פאַר דער אַנטי־סאָוויעטישער העצע מצד די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און דער ישראל־רעגירונג איז, כלומרשט, די זאָרג פאַר די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד און ספּעציעל פאַרן רעכט פון עמיגראַציע פאַר די, וואָס ווילן דאָס. דער פאַקט, אַז ס׳איז נישט פאַראַן קיין פּראָבלעם פון יידן־דיסקרימי־נאַציע אין ראַטן־פאַרבאַנד, דער פאַקט, אַז די רעגירונג פון ראַטנפאַרבאַנד דערלויבט יענע יידן, וואָס ווילן דאָס, צו עמיגרירן קיין ישראל — האָט נישט פאַרקלענערט דעם פאַרנעם פון דער אַנטי־סאָוויעטישער העצע מצד די ציוניס־טישע מנהיגים און די רעגירער פון ישראל. זיי פאַרשפּרייטן דעם אַנטי־סאָוויע־טישן גיפט מיט אַלע מיטלען פון דער מאַסן־טעלעקאָמוניקאַציע אין ישראל און אין אויסלאַנד, זיי אָרגאַניזירן אַנטי־סאָוויעטישע צוזאַמענפאַרן און פּראָוואָקאַטיווע דעמאָנסטראַציעס קעגן סאָוויעטישע פירער, וואָס באַזוכן אויסלאַנד. זיי מיאוסן זיך נישט אָנצוגרייפן סאָוויעטישע קולטור־און קונסט־אונטערנעמונגען. זיי קאָאָ־פּערירן אין דער דאָזיקער אַנטי־סאָוויעטישער טעטיקייט מיט פאַשיסטישע און אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס, מיט די דעזערטירן פון דער „ווייסער גוואַרדיע״, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, און מיט די, וואָס האָבן קאָלאַבאָרירט מיט די נאַציס און כדי אויסצומיידן אַ שטראָף זיינען זיי אַנטלאָפן קיין מערב. דער אמת אָבער דרינגט אַריין וואָס מערער און מערער אינעם באַוווסטזיין פון דער עפנטלעכער מיינונג און די אַנטי־סאָוויעטישע העצע ווערט ווינציקער אָנגענומען.

די אַנטי־סאָוויעטישע העצע מצד די ציוניסטישע מנהיגים און די ישראל־רעגירער און זייערע אונטערגראָבונגס־אַקציעס קעגן די סאָציאַליסטישע לענדער און קעגן די אַנטי־אימפּעריאַליסטישע רעזשימען אין די לענדער פון אַפריקע, אַזיע און לאַטיין־אַמעריקע — זיינען בלויז איינע פון די אָפּצאָלונגען, וואָס די אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטן באַקומען פאַרן געווער, פאַרן געלט און פאַר דער פּאָליטישער דעקונג, וואָס זיי גיבן די הערשנדיקע קרייזן אין ישראל קעגן די אַראַבישע מדינות.

אַ וויכטיקע סיבה פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון דער אַנטי־סאָוויעטישער העצע אין אַ פּרעצעדענסלאָזן פאַרנעם אין די יאָרן נאָך דער יוני־מלחמה 1967 מצד די ישראל־הערשער און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין פאַרשיידענע לענדער איז דער פאַקט, וואָס דער ראַטנפאַרבאַנד שטערט דער פאַרווירקלעכונג פון זייערע רויבערישע באַגערן פון טעריטאָריאַלע אַנעקסיעס און דאָס דערגרייכן די פונדאַ־

מענטאַלע צילן פון די ציוניסטישע משרתים פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם אין מיטעלן מזרח.

די פאַרשטאַרקטע אַנטי־סאָוויעטישע העצע וואָס שייך „יידן־פאַרפאָלגונג", האָט פאַר אַ ציל, צווישן אַנדערן, אָפּצוווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון דער אַגרעסיע־און אַנעקסיע־פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג, פון דער גרויזאַמער אונטערדריקונג פון די אַראַבישע איינוווינער אויף די אָקופּירטע געביטן און פון דער פּאָליטיק פון דער נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע פון דער אַראַבישער באַפעל־קערונג אין ישראל.

די אַנטי־סאָוויעטישע העצע פון די ציוניסטישע מנהיגים און די ישראל־רעגירער איז אַן אַקציע קעגן שלום אין מיטעלן מזרח, זי איז געריכטעט אויף צוצוגרייטן די באַפעלקערונג אין ישראל צו דער מעגלעכקייט פון אַ מלחמה־עסקאַלאַציע אין אונדזער ראַיאָן, וואָס איז עלול צו דערפירן צו אַ קריגס־קאָמפּלי־קאַציע צווישן די גרויסמאַכטן. דער ציוניזם טוט, אַלזאָ, קעגן לעבנסוויכטיקסטן אינטערעס פון ישראל־פאָלק און פון די יידישע מאַסן אין דער וועלט, וואָס איז די אָפּשוואַכונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער געשפּאַנטקייט, פאַרמיידן אַ דריטע וועלט־מלחמה, פאַרמיידן אַ קאַטאַסטראָפע פאַר אַלע פעלקער אין דער גאַרער וועלט. די ציוניסטישע מנהיגים און די מאַכטהאָבער פון ישראל, וועלכע אָרגאַ־ניזירן די אַנטי־סאָוויעטישע העץ־קאַמפּאַניעס, פאַרזעען גלייכצייטיק דעם אַנטי־סעמיטיזם אין יענע לענדער אין וועלכע ער עקזיסטירט, צום ביישפּיל, אין די אימפּעריאַליסטישע לענדער און אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. זיי נעמען אַן אַ פול מויל מיט וואַסער, ווען נאַצישע מלחמה־פאַרברעכער דרייען זיך ארום פראַנק און פריי אין די אימפּעריאַליסטישע מערב־לענדער, און די רוצחים פון יידן און אַנדערע פעלקער זיינען זוכה צו אַ פאַרגעבערישער באַציאונג און לייכטע שטראָפן, ווען זיי ווערן געשטעלט פאַר אַ געריכט.

לעצטנס האָבן די ישראל־רעגירער אָנגעוואָנדן נאָך אַ צוגאָבלעכן פּראָוואָ־קאַטיוון שריט קעגן ראַטנפאַרבאַנד, צוטיילנדיק ישראלדיקע בירגערשאַפט צו סאָוויעטישע בירגער פון יידישן אָפּשטאַם, וועלכע געפינען זיך אין ראַטנפאַרבאַנד, און וועלכע „צייכענען זיך אויס" מיט זייער טעטיקייט קעגן סאָוויעטישן רעזשים.

דער 17טער צוזאַמענפאַר שטרייכט אונטער די באַדערפעניש אַרונטערצורייסן די „נאַציאָנאַלע יידישע" מאַסקע פון ציוניזם און באַווייזן די יידישע מאַסן און די פּראָגרעסיווע כוחות, וועלכע זיינען צייטנווייז באַאיינפלוסט פון דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, אַז סיי די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע און סיי די ציוניסטישע פּאָליטיק, דינען נישט די אינטערעסן פון די יידן אָדער פון פּראָגרעס; פונקט פאַרקערט, זיי שטייען אין פולשטענדיקן קעגנזאַץ צו זיי און דינען גאָר די פיינט פון שלום און פּראָגרעס, די אַנטיסעמיטן און ראַסיסטן פון יעדן סאָרט; די אַלע, וועלכע שטויסן די מענטשהייט צו אַ נייער וועלט־מלחמה און האָבן מורא פאַר יעדער פאַרבעסערונג אין די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען און פאַר יעדן דערפאָלג פון די כוחות פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און די כוחות פון סאָציאַלן פּראָגרעס אומעטום אין דער גאַרער וועלט.

עס איז אַ לעבנסוויכטיקע נויטווענדיקייט פאַר ישראל צו דערפירן צו

אַ פֿאַרבעסערונג פֿון די באַציאונגען מיטן ראַטנפֿאַרבאַנד, צו נאָרמאַלע און אַפֿילו פֿריינטשאַפֿטלעכע באַציאונגען מיט אים. און דער וועג וואָס פֿירט צו דעם: מאַכן אַ סוף צו דער אַגרעסיווער און אַנעקסיאָניסטישער פּאָליטיק, פֿירן אַ פּאָליטיק פֿון שלום און נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט.

דער ציוניזם און די כוחות פֿון לינקס און פּראָגרעס אין דער וועלט

אין אָנבליק פֿון די ענדערונגען, וועלכע זיינען אין דער לעצטער תּקופֿה פֿאָרגעקומען צווישן דער עפֿנטלעכער מיינונג אין פֿאַרשיידענע לענדער לגבי דער פּאָליטיק פֿון די ישׂראל־הערשער און די אַנדערע ציוניסטישע מנהיגים און צוליב דעם, וואָס פֿיל באַפֿרייען זיך פֿון דער השפּעה פֿון דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע — באַמיען זיך די ציוניסטישע טוער צו באַווייזן זיך אין אַ פֿאַר־מאַסקירטער געשטאַלט אין זייער טעטיקייט צווישן די לינקע און שלום־ליבנדיקע קרייזן אין אויסלאַנד. קיין שום מיטל איז נישט פּסול אין די אויגן פֿון די ציוניס־טישע טוער, כּדי צו פֿאַרקריפּלען און פֿעלשן די געשיכטע פֿון ציוניזם, די געשיכטע פֿון פּאַלעסטינע, און דעם אמתדיקן כאַראַקטער פֿון דער אָפֿיציעלער פּאָליטיק פֿון דער ישׂראל־רעגירונג.

איינע פֿון די לעגענדעס, וועלכע עס פֿאַרשפּרייטן די ציוניסטישע טוער צווישן די פּראָגרעסיווע קרייזן אין אויסלאַנד איז, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג האָט בעת דעם בריטישן מאַנדאַט געקעמפֿט קעגן דער פֿרעמדער מאַכט. דער אמת אָבער איז, אַז דער „קאַמף" קעגן דעם בריטישן קאָלאָניאַלן רעזשים מצד די ציוניסטישע מנהיגים (אין אונטערשייד פֿון דער שטרעבונג פֿון די ברייטע מאַסן צו אמתדיקער זעלבשטענדיקייט) איז אויסן געווען צו איבערצייגן די בריטישע מאַכט־אָרגאַנען צו פֿאַרבלייבן אין לאַנד, צו רעכענען זיך מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג און איר כּוח, און נישט אויסשטעלן אויף זיינע פֿאַרטרויאונגס־מענער אין אַראַבישן פֿאָלק. בן־גוריון, דער הויפּט פֿון דער לייטונג פֿון דער יידישער אַגענץ (סוכנות) אין יאָר 1946, האָט אין אַ געשפּרעך מיט ר. קראָסמאַן, מיטגליד פֿון דער ענגליש־אַמעריקאַנישער אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע פֿאַר פּאַלעסטינע־א"י — אים פֿאַרשפּראָכן, אַז „אויב ס'וועט אַנטשטיין אַ יידישע מדינה אין אַ טייל פֿון א"י, וועט זי דינען אַלס בריטישע באַזע קעגן רוסלאַנד" (ר. קראָסמאַן „אין שליחות קיין פּאַלעסטינע"). דער „דבר" פֿון 13.12.45, האָט געשריבן אין אַ לייט־אַרטיקל: „דער גרויסער כּוח, וואָס איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין לאַנד אַריין, איז דאָ קאָנצענטרירט געוואָרן פֿאַר די נויטיקע בריטישע באַדערפֿענישן. מיר אָנערקענען דאָס רעכט פֿון די דאָזיקע באַדערפֿענישן און זיינען גרייט צו רעכענען זיך און שטיצן זיי, ווי מיר האָבן שוין דאָס נישט איין מאָל געטאָן".

אויף אַ זשורנאַליסטן־צוזאַמענקום אין ירושלים, אין די ערשטע טעג פֿון מאַי 1947, האָט דער וואָרטזאָגער פֿון דער יידישער אַגענץ (סוכנות) דערקלערט: „אויף דער נאָענטער סעסיע פֿון אונ"אָ וועט די סוכנות פֿאָדערן צו פֿאַרלענגערן

דעם מאַנדאַט". און אפילו צום סוף מאַי 1947, שוין נאָך דער רעדע פון סאָוויעטישן פאַרשטייער א. גראָמיקאָ אין אונ"אָ, האָט דער מפא"י־מנהיג, פנחס לוביאַניקער (לבון) דערקלערט אויף דער אספת הנבחרים פון דער כנסת־ישראל: „אפשר אַן אנדערער אינטערעס, אָבער נישט דער נאַציאָנאַלער און ציוניסטישער אינ־טערעס פאָדערט אַרויסצוציען דאָס בריטישע מיליטער".

פונדאַנען איז געדרונגען, אַז אין קעגנזאַץ צו דער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע עס פירן ביים היינטיקן טאָג די ציוניסטישע טוער צווישן די לינקע קרייזן אין אויסלאַנד, איז דער ציל פון קאַמף פון דער ציוניסטישער לייטונג געווען צו איבערצייגן די בריטישע מאַכט־אָרגאַנען, אַז ס'איז זיי כדאי, פונעם שטאַנדפּונקט פון זייערע אייגענע אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן, ממשיך צו זיין און אָנשפּאַרן זיך אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג אַלס אינסטרומענט קעגן דער נאַציאָנאַלער אַראַבישער באַוועגונג און קעגן ראַטנפאַרבאַנד.

די ציוניסטישע קרייזן, וועלכע זיינען קאָנצענטרירט אַרום מפ"ם (דער דעמאָלסדיקער השומר הצעיר), אויך זיי זיינען געווען קעגן אַנולירן דעם בריטישן מאַנדאַט און קעגן עוואַקואירן דאָס בריטישע מיליטער פון לאַנד. און ווען ביי די געשעפענע אומשטענדן צום סוף פון די 40־קער יאָרן, איז דאָס געווען אוממעגלעך, האָבן זיי פאָרגעשלאָגן צו באַשטימען אַן אַנדערע פרעמדע מאַכט אין נאָמען פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָטעקטאָראַט, וואָס אין יענע באַדינגונגען האָט עס געהייסן — אַן ענגליש־אַמעריקאַנער מאַכט אנשטאַט בלויז אַ בריטישע הערשאַפט. אין אַ לייטאַרטיקל אין אָרגאַן פון השומר הצעיר „משמר" פון 14.5.1947, לייענען מיר: „די קאַלקולאַציעס פון דער פּאָליטישער מאָראַל און פון פּאָליטישן נוצן פאַרפּליכטן צו באַגרינדן זיי אויף די פונדאַמענטן פון פּראָגרעסיוון ציוניזם, וואָס פאָדערט צוצואיילן אומגעשטערט דאָס באַפרייאונגס־ווערק פון יידישן פאָלק און אַנטוויקלען ארץ־ישראל אונטער אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנקרעטער קאָנטראָל ביז זי וועט פעאיק זיין צו ריכטיקער זעלבשטענדיקייט..."

אין אַן אַרטיקל אין „משמר" פון 11טן יולי 1947, לייענען מיר: „דער אויסגאַנג פון ארץ־ישראלדיקן פּלאָנטער איז, אַלזאָ, נישט באַלדיקע זעלבשטענ־דיקייט. די זעלבשטענדיקייט מוז אומבאַדינגט האָבן איר איבערגאַנגס־תקופה פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער הערשאַפט. אַן אינטערנאַציאָנאַלע הערשאַפט אין דער איבערגאַנגס־תקופה איז אומבאַדינגט נויטיק פאַר די יידן".

דער פּלאַן, וואָס די באַוועגונג פון השומר הצעיר האָט פאָרגעשלאָגן דער ענגליש־אַמעריקאַנישער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, וועלכע האָט באַזוכט דאָס לאַנד אין 1946, איז געווען אויפשטעלן אַן „אינטערנאַציאָנאַלן" רעזשים איבער ארץ־ישראל אויף אַ תקופה פון 20—25 יאָר, כדי מיט דער הילף פון דער פרעמדער מאַכט זאָל געשאַפן ווערן אַ יידישע מערהייט אין גאַנצן לאַנד.

אנדערע ציוניסטישע קרייזן האָבן פאָרגעשלאָגן אויסצובייטן דעם פּראָטעק־טאָראַט פון איין אימפּעריאַליזם (דעם בריטישן) אויפן פּראָטעקטאָראַט פון אַ צווייטן אימפּעריאַליזם (דעם אַמעריקאַנער). די דאָמינאַנטע שטרעמונג אין דער ציוניסטישער באַוועגונג איז, אין פאַרלויף פון דער צייט, אַריבערגעגאַנגען פון איר הויפּט־דינסט פאַרן בריטישן אימפּעריאַליזם צום הויפּט־דינסט דעם אַמע־

ריקאַנער אימפּעריאַליזם. ס׳איז אָבער קיינמאָל נישט געווען קיין אַנטי־אימפּעריאַ־ ליסטישער ציוניזם. די קאַמפּן צווישן די ציוניסטישע פירער דריקן אויס נישט איין מאָל, די אינטערעסן פון פאַרשיידענע גרופּן לטובת דעם אָדער אַנדערן אימפּעריאַליזם, אָבער תמיד אין דינסט פון אימפּעריאַליזם קעגן קאָמוניזם און קעגן דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־באַוועגונג.

דאָס איז דער היסטאָרישער אמת וועגן „אַנטי־אימפּעריאַליסטישן" קאַמף פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

★

היינט צו טאָג, נוצן אויס ציוניסטישע קרייזן צום שלעכטן אין זייער פּראָ־ פּאַגאַנדע צווישן די לינקע קרייזן אין פאַרשיידענע לענדער, דעם לאָזונג פון זעלבסטבאַשטימונג צווישן די פעלקער. זיי לייגן פאָר צוצוטיילן דער פּאַלעסטינער באַפעלקערונג, וועלכע געפינט זיך אונטער דער מיליטערישער ישראלדיקער אָקופּאַציע, דאָס רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג און דאָס שאַפן אַ נאַציאָנאַלע רעפּרעזענטאַנץ, וואָס דאַרף דערגרייכן אַ שלום־רעגולירונג מיט ישראל. אין די קאָנקרעטע באַדינגונגען פון מיליטערישער אָקופּאַציע, זיינען די דאָזיקע פאָרשלאָגן אויסן אָפּצוּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם, אַז אַ פאָרבאַדינג פון יעדער מעגלעכקייט פון אויסנוצן דורכן אַראַבישן פּאַלעסטינער פאָלק זיין רעכט אויף אַ זעלבסטבאַשטימונג — איז דער צוריקטריט פון די ישראלדיקע באַוואָפנטע כוחות פון אַלע אַראַבישע שטחים, וואָס זיינען אָקופּירט געוואָרן אין די טעג פון דער יוני־מלחמה פון 1967. זעלבסטבאַשטימונג און פרעמדע אָקופּאַציע — דאָס איז אין קעגנזייטיקן ווידערשפּרוך.

די ציוניסטישע קרייזן, וועלכע זיינען אַקטיוו צווישן לינקע גרופּירונגען, טרעטן בדרך כלל, אַרויס קעגן טעריטאָריאַלע אַנעקסיעס, טראָץ דעם וואָס זיי האָבן געשטיצט די יוני־מלחמה פון 1967 און זי באַצייכנט אַלס גערעכטע מלחמה. באַגלייך אָבער מיט דעם פאָדערן זיי נייע גרענעצן, וועלכע ווערן דורך זיי אָנגערופן „זיכערע גרענעצן פאַר ישראל". כדי צו גאַראַנטירן די זיכערהייט פון ישראל פאָדערן זיי טעריטאָריאַלע ענדערונגען, אויסברייטערן די ישראל־ גרענעצן אין פאַרשיידענע ריכטונגען ווי אויך „זיכערהייטס־איינריכטונגען", וועלכע זיי זעען אין דער מיליטעריש־ישראלדיקער „אָנוועזנהייט" אויך אין די שטחים, וואָס וועלן עוואַקואירט ווערן דורך די ישראלדיקע באַוואָפנטע כוחות. אין דער ווירקלעכקייט אָבער זיינען די דאָזיקע לאָזונגען פון „זיכערהייטס־גרענעצן פאַר ישראל", לויטן אויבנדערמאָנטן קאָמענטאַר, נאָר אַן אַנדערע פאָרם, אַ מערער מאַסקירטע און מערער צביעותדיקע, פון דער אָפיציעלער פאָדערונג פון טעריטאָריאַלע אַנעקסיעס אַלס באַדינג פאַר שלום. באַגלייך אָבער מיט דעם, זיינען פאַראַן פּראָגרעסיווע קרייזן, וועלכע ווערן גאַנץ תמימותדיק פאַרפירט דורך די דאָזיקע לאָזונגען. די דאָזיקע קרייזן דאַרף מען טאַקע אויפקלערן, אַז יעדע פאָדערונג פון טעריטאָריאַלע אַנעקסיעס, הגם זי באַנוצט זיך מיטן מאָטיוו פון זיכערקייט, שטרויכלט די אויסזיכטן אויף שלום, וואָס בלויז ער וועט ברענגען די זיכערקייט פאַר ישראל.

די פאָדערונג אויסצובריייטן די גרענעצן „צוליב זיכערהייטס־מאָטיוון" איג־נאָרירט דעם פאַקט, אַז די אַראַבישע מדינות נויטיקן זיך אין זיכערהייט און אין זיכערהייטס־איינריכטונגען נישט ווייניקער ווי מדינת ישראל. עס איז אַ היס־טאָרישער פאַקט, אַז מדינת ישראל אין קאָאָפּעראַציע מיט די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן, האָט אָנגעגריפן די שכנותדיקע מדינות אין 1956 און אין 1967. דאָס הייסט אויך איגנאָרירן דעם פאַקט, אַז היינט צו טאָג, ווען ס'איז פאַראַן אַ מאָדערנער לופט־פלאָט, פערפעקט עלעקטראָניש און ראַקעטן־געווער — איז נישט די צאָל קילאָמעטערס וועלן ברענגען זיכערקייט פאַר ישראל, נאָר דער שלום.

די קאָנסעקווענטע שלום־כוחות אין ישראל און אין דער גאָרער וועלט לייגן־פאַר זיכערהייטס־איינריכטונגען אַלס אינטעגראַלער טייל פון שלום־פּלאַן פאַרן מיטעלן מזרח. די דאָזיקע זיכערהייטס־איינריכטונגען קענען נישט זיין טעריטאָ־ריאַלע עקספּאַנסיע, ארויפליי גן די ישראלדיקע סוווערעניטעט אויף די אָקופּירטע אַראַבישע שטחים, אָדער מיליטעריש־ישראלדיקע אָנוועזנהייט אין די דאָזיקע שטחים. זיכערהייטס־איינריכטונגען אין די מיטל־מזרחדיקע און אינטערנאַציאָנאַלע באַדינגונגען ביים היינטיקן טאָג, קענען זיין: קאָנקרעטע גאַראַנטיעס מצד די גרויסמאַכטן אָדער מצד דעם זיכערהייטס־ראָט; אַוועקשטעלן אַן אונ"א־כוח אויף די פונקטן, וואָס זיינען וויכטיק פאַר דער זיכערהייט פון אַלע צדדים, אַזוי אַז איין צד זאָל אים נישט קענען באַזייטיקן; שאַפן דעמיליטאַריזירטע ראַיאָנען אויף פאַרשיידענע גרענעץ־פונקטן.

★

אין רעזומע דאַרף מען זאָגן, אַז געוויסע ציוניסטישע קרייזן, וועלכע פירן זייער פראָפּאַגאַנדע צווישן די לינקע קרייזן אין אויסלאַנד, „פּאַסן צו" די רעאַק־ציאָנערע אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פון ציוניזם צו די שטימונגען צווישן די דאָזיקע קרייזן. אַזוי פירן זיי זיך, סיי אויפן פּאָליטישן געביט און סיי אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט. זיי שילדערן, למשל, די קיבוצים און די מלוכהשע ווירטשאַפט, די סוכנותישע און די הסתדרותישע ווי סאָציאַליסטישע קעמערלעך. אין דער זעלבער צייט פאַרזעען זיי און באַהאַלטן אויס דעם פונדאַמענטאַלן פאַקט, אַז אין דער ישראלדיקער ווירטשאַפט, אין אַלע זיינע סעקטאָרן, הערשט דער פּרעמדער קאַפּיטאַל, אַז די ישראלדיקע עקאָנאָמיק אין אַלע אירע טיילן, איז איצט פאַרשקלאַפט — נאָך מערער פון פאַר דער יוני־מלחמה — צו די אַמערי־קאַנער מאָנאָפּאָלן און צו דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אַזוי פאַרזעען זיי אויך און באַהאַלטן אויס דעם פאַקט, אַז די ישראלדיקע עקאָנאָמיק איז אַ קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמיק, אַז דער הערשנדיקער קלאַס אין ישראל איז די גרויס־בורזשואַזיע. דער דאָזיקער פאַקט ענדערט זיך נישט צוליב דער עקזיס־טענץ פון אַ רעגירונג, אין וועלכער עס שפּילן אַ וויכטיקע ראָל ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען, וועלכע טוען די זאַך פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, די פּרעמדע און אָרטיקע און די גלאָבאַלע דינסט פאַרן אימפּעריאַליזם, צוליב אידעאָלאָגישע און פּאָליטיש־ציוניסטישע, אַנטי־קאָמוניסטישע, אַנטי־אַראַבישע

און פּאַקטיש — אַנטי־נאַציאָנאַלע סיבות. די אַרבעטנדיקע מאַסן אין ישראל, איינשליסלעך די אַרבעטנדיקע אין דער שטאַטלעכער, סוכנותישער און הסתד־רותישער ווירטשאַפט, ווערן עקספּלאָאַטירט דורכן גרויס־קאַפּיטאַל און דורך זייערע אַרבעטסגעבער געגנוי אויף דעם זעלבן אופן און אין דער זעלבער מאָס ווי אין פּריוואַטע אונטערנעמונגען. אין דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, ווערן אויך די מיטגלידער פון די קיבוצים עקספּלאָאַטירט דורכן גרויס־קאַפּיטאַל. דעריבער טאָר מען ניט די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן און דעם שטאַטלעכן סעקטאָר אין ישראל דעפינירן אַלס „קעמערלעך" פון סאָציאַליזם אין די באַדינגונגען פון אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, וואָס איז פאַרשקלאַפט צום פרעמדן קאַפּיטאַל און וועלכעס איז איינגעפלאָכטן און פאַרבונדן מיט טויזנטער פעדעם מיט דער עקאָנאָמיק און פּאָליטיק פון די אימפּעריאַליסטישע גרויסמאַכטן, און אין דער ערשטער ריי מיט דער פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אין זייער טעטיקייט צווישן די לינקע קרייזן אין אויסלאַנד באַפּוצן די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן די רעגירונגס־פּאָליטיק, באַהאַלטן אויס אָדער פאַרטושן די פּאָליטיק פון אַכזריותדיקער אונטערדריקונג אין די אָקופּירטע שטחים, די נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע כלפּי דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין ישראל, דאָס טרעטן די דעמאָקראַטישע פרייהייטן, די מאַסנהאַפטע באַוועג־גונגס־באַגרענעצונגען, וואָס ווערן אַרויפגעלייגט אויף די פירער און אַקטיוויסטן פון דער ישראלדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי צווישן דער אַראַבישער באַפעל־קערונג ווי אויך אויף אַנדערע שלום־שטרעבנדיקע קרייזן, וואָס זיינען קעגנער פון דער רעגירונגס־פּאָליטיק. אַזוי באַהאַלטן זיי אויס די קלאַסן־עקספּלאָאַטאַציע אין ישראל, דעם וווקס פון דער סאָציאַלער פּאָלאַריזאַציע, די אויסברייטערונג פון דער דיפערענציאַציע צווישן די פאַרשיידענע עדות און די אויסשפּרייטונג פון דער אָרעמקייט אויף ברייטע באַפעלקערונגס־שיכטן.

דער 17טער צוזאַמענפאָר האַלט, אַז ס'איז ביז גאָר וויכטיק אויפצודעקן דעם אמת וועגן דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג און פון די ציוניסטישע מנהיגים — וואָס איז אין סתירה צו דעם קלאַסן־אינטערעס פון די אַרבעטנדיקע מאַסן און נאַציאָנאַלן אינטערעס פון ישראל־פאָלק — פאַר די אַרבעטנדיקע, פאַר דער יוגנט, פאַר דער אינטעליגענץ, פאַר אַלע מענטשן מיט פּראָגרעסיווע שטרעבונגען, אַז זיי זאָלן אַרויפלייגן זייער געוויכט אין קאַמף פאַר אַ גערעכטן שלום אין מיטעלן מזרח, לטובת אַלע פעלקער און לטובת דער אַלגעמיינער זאַך פון שלום און פּראָגרעס.

מען דאַרף אויך פירן אַ קאַמף קעגן דער אַנטי־סאָוויעטישער פּראָפּאַגאַנדע פון די ציוניסטישע קרייזן, וועלכע זיינען אַקטיוו צווישן די לינקע אין אויסלאַנד, און וועלכע איז אויסן משפּיע צו זיין — אין דינסט פון דער פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג — אויף קרייזן, וואָס זיינען קעגן דער אַגרעסיע־פּאָליטיק און אַנעקסיעס פון דער ישראל־רעגירונג. דער אַנטי־סאָוויעטיזם איז דאָס עיקרדיקע געוועור פון די אַלע אָפענע און פאַרמאַסקירטע שטיצער פון דער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק פון די ציוניסטישע מאַכטהאַבער פון ישראל.

★

דער 17טער צוזאַמענפאָר באַשליסט צו פאַרשטאַרקן און פאַרטיפן דעם אידעאָלאָגישן קאַמף קעגן ציוניזם צוגלייך מיטן פאַרשטאַרקן די אָנשטרענגונגען צו קאָנצענטרירן אַלע כוחות, אָן אונטערשייד פון אידעאָלאָגישער אָנשויאונג, אין אַ פאַראייניקטן אַרבעטער־פראָנט און אין אַ ביז גאָר ברייטן שלום־פראָנט.

אינהאלט

זייט

וועגן דער יידן פראַגע און ציוניזם ביים
היינטיקן טאָג . . . . 5—34
אריינפיר 3
פאָרוואָרט 5
וואָס איז אַזוינס די יידן פראַגע ? 7
די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע 9
די ציוניסטישע פּאָליטיק 14
די ציוניסטישע באַוועגונג איז נישט קיין באַוועגונג פאַר נאַציאָ־
נאַלער באַפרייאונג 22
מדינת ישראל און דער ציוניזם 24
רעזומע 33
דער קאַמף קעגן דער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק
פון ציוניזם — אַ לעבנס־נויטווענדיקייט פאַרן
ישראל־פאָלק און פאַר אַלע פּראָגרעסיווע כוחות 35—53
דער ציוניזם — אַ רעאַקציאָנערע אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק . 38
דער אידעאָלאָגישער קאַמף און די עמיגראַציע פון ראַטנפאַרבאַנד 42
דער ציוניזם — שאַרף־פּונקט פאַר אנטיסאָוויעטישער העצע אין
דינסט פון אימפּעריאַליזם 45
דער ציוניזם און די כוחות פון לינקס און פּראָגרעס אין דער וועלט 48

דפוס „אות", תל־אביב